STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02867

LIDER UN POEMES

Shin Shalom

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. שלום

לידער און פּאָעמעס

איבערגעזעצט פון חיים באַרקאַן

1458

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל
1964

SH. SHALOM
.SONGS AND BALADS
Translated from Hebrew by **Chaim Barkan**

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby st. Tel-Aviv

ש. שלום
שירים ובלדות / לידער און באַלאַדן
איבערגעזעצט פון חיים באַרקאַן

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל, תשכ״ד
Printed in Israel, 1964

דפוס „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062

פון איבערזעצער

אין די לעצטע דריי־פיר יאָר האָב איך פאַרעפנטלעכט איבערזעצונגען פון אַ היפשער צאָל העברעישע דיכטער. עס פרייט מיך אָבער גאָר באַזונדערס וואָס מיין ערשטע זאַמלונג איבערזעצונגען איז פון די לידער פון ש. שלום.

דער געדאַנק פון פאַרעפנטלעכן איבערזעצונגען פון העברעיש אויף יידיש איז ניט נאָר צוליב זייער קינסטלערישער מדרגה. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז אַן עיקר גדול, און אפשר טאָקע דער ערשטער עיקר. אָבער פונקט אַזוי וויכטיק איז די נאַציאָנאַלע מיסיע: באַקענען דאָס ברייטע פאָלק מיט די יידישע ליטעראַרישע אוצרות, וואָס ווערן געשאַפן אין דעם העברעישן לשון. דאָס וועט העלפן שאַפן די געזונטע און שטאַרקע פאַרבינדונג סיי אין פאָלק אַליין, סיי צווישן די ביידע יידישע ליטעראַטורן.

איך מיין, אַז ש. שלומס דיכטונג פאַרמאָגט אָט דעם כוח. זיין טאָן איז ליריש־ווייך, השתפכות־הנפשדיק, זיין ליד רעדט דירעקט צום האַרץ פון פאָלקס־מענטש; און זיין וואָרט איז קלאָר, אָפן, און איז באַהנט מיט אמתער פשטות. אַפילו אין אויפברויז, אין דראַמאַטישע מאָמענטן, איז זיין קרעפטיק וואָרט דורכזיכטיק־לויטער.

ועל כולם: זיין פלאַמיקע ליבע צום פאָלק, צו כל ישראל. ער איז פאַרליבט אין פשוטן יידן און פאַרהערלעכט אים. „גאָטס פאָלק זיינען אַלע נביאים״ — זאָגט ער ערגעץ. און התלהבותדיק־דערהויבן, ווי ער זינגט וועגן יידן מיטן הייליקן פלאַם (צו וועלכע אויך ער געהערט), זינגט ער ניט פון די הייכן און קוקט אַרונטער, נאָר ער קומט אַראָפּ צום פשוטן יידן און דערהייבט אים. ווי ער זאָגט אין ליד „התעוררות״:

„וואָס טיפער מ׳האָט געלאָזט זיך אין נידער און וואָס העכער און העכער מ׳פליט,
אַלץ מערער מ׳פילט זיך געלייטערט ביי דעם ליכט פון דעם פשוטן ייד...״

אויף זיינע דיכטערישע וועגן זעט ש. שלום דעם יידן אומעטום: אין תפוצות ישראל ווי אין מדינת ישראל. ער באַקלאָגט דעם לעצטן חורבן מיט ניט ווייניקער קראַפט ווי ער באַזינגט דעם אויפבוי פון יידישן לאַנד. אין זיין רייכער דיכטערישער נשמה ווי אין זיינע ווערק, שפיגלט זיך אָפּ יידיש לעבן פון איבער גאָר דער וועלט.

ברענג איך בכבוד דעם חשובן דיכטער צו די לייענערס פון יידיש.

חיים באַרקאַן

*

מיט אַ באַזונדער געפיל באַגלייט איך אָט די זאַמלונג לידער אין יידיש, וואָס דער איבערזעצער האָט צונויפגענומען פון מיינע העברעישע לידער־ביכער פון עטלעכע תקופות.

מיין ליד, וואָס איז געווענדט צום געמיט פון יחיד, ווערט שוין אָבער, מיט זיין עצם אָפּשטאַם פון אונדזער אַלטן קוואַל — כלל ישראלדיק. ובדחילו ורחימו פאַראייניק איך זיך מיט אָט דער זאַמלונג — איבער דעם באָדן פון מדינת־ישראל — מיט די מיליאָנען ברידער, אומגעבראַכטע אין אייראָפּעישן חורבן, וועמענס טאָג־טעגלעכע שפּראַך איז געווען יידיש; איך זע אויך פאַר מיר — זיי צו לאַנגע יאָרן — די ווונדערלעכע עקשנים, וועלכע זענען אין דעם ים פון אַסימילאַציע און גייסטיק־יידישער אָפּגעפרעמדקייט געבליבן געטריי ביז היינט דער יידישער פאָלקס־שפּראַך.

איינער פון אָט די אייפעריקע און איבערגעגעבענע איז דער דיכטער־איבער־זעצער, חיים באַרקאַן.

איבער קאָנטינענטן און ימען האָט ער געפונען דעם וועג צו מיין געזאַנג אין ציון. במשך יאָרן האָט ער איבערגעזעצט ליד נאָך ליד און זיי פאַרעפנטלעכט אין יידישע צייטשריפטן, בעיקר אין זיין ווינלאַנד — אַמעריקע. און ווייל זיין שליסל צו די איבערזעצונגען איז ליבשאַפט — האָבן זיך געעפנט פאַר אים די טויערן פון געזאַנג און די איבערזעצונגען זענען גוט און רירנדיק מיט זייער געטריישאַפט, איבערזעצונגען, וואָס קומען פון הארץ און נשמה.

פיל איך אויך אַ דאַנקשאַפט און אָנערקענונג פאַר דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, וועלכער שטעלט אויף מיט זיינע פּרעכטיקע בענדער איבערזעצונגען פון העברעיש אויף יידיש און פון יידיש אויף העברעיש — אַ לעבעדיקע בריק צווישןביידע שוועסטער־שפּראַכן.

ש. שלום

חיפה, אייר תשכ״ד

צעלויכטענע שעהען

שחרית

(שחרית)

אין גרויען באַגינען, ס'ליגט ערד נאָך אַ שטילע,
בין איך אויפגעשטאַנען צו מײַן שחרית-תפילה.
אין גאַס בלויע נעפּלען זיך רײַסן, צעגייען,
און שטיל אין דער ווײַט ערגעץ רעדער זיך דרייען.
און מענטשן אין די הינטערגעסלעך, אין קילע,
רופן-איבער זיך ערגעץ מיט קולות, מיט שטילע.

אין גרויען באַגינען, ס'ליגט ערד נאָך אַ שטילע,
בין איך אויפגעשטאַנען צו מײַן שחרית-תפילה.
געוואַשן די הענט זיך אין וואַסערן ריינע,
דאָס האַרץ אויסגעראַמט פון די תאוות געמיינע.
און איבער די דעכער, ווי זיי הענגען געדיכט,
זע איך גלאַנצן נאָך שטערן, ווי נשמה-ליכט.

אין גרויען באַגינען, ס'ליגט ערד נאָך אַ שטילע,
בין איך אויפגעשטאַנען צו מײַן שחרית-תפילה.
איך רעד ניט אַ וואָרט און מײַן צונג איז שטום,
נאָר ס'רינט אויס מײַן לעבן אין אַ תפילה פרום.
אָן גאָט איז מײַן תפילה, נאָר לויטער און זויבער,
און פליסט ווי אַ קוואַל אין פרימאָרגן צויבער.

און גרויע שטיבלעך און פענצטער פאַרשלאָפן
הערן זיך אײַן אין מײַן תפילה און גאַפן...

אין וועג

(בדרך)

כ׳בין אריין אין מקום קדוש, אין אַ שיינער שול,
צווישן שורות בענק דאָ דורכגעגאַנגען;
גאָטס הויז איז מיט אַן עדה וואָגלער פול,
פאַרטאָן אין שטילע תפילות און לויבגעזאַנגען.

אין דער רו, וואָס האָט געהויערט אויף טליתים,
דער ארון שטייט אין שאָטנס טיף פאַרזונקען,
און יעדן ליפּן־ריר ער ציילט און באַהאַלט אים —
אַ זכר פאַר דעם וויפלטן שוין אומקום.

ס׳עפנט זיך דער ארון... אין פּראַכט צעהעלט,
עס ווייַזט זיך וויַיט אַ שטאָט מיט בערג אַרום;
ס׳קוקן טורעמס ליבע פון אַן אַנדער וועלט,
ס׳שייַנט אַ באַרג־וועג, אַז מ׳ווערט צעווייטיקט־פרום.

אויפן הויפּט־וועג: אַ קרוג וואַסער און אַ פּענעץ ברויט,
און אין אַש עס וואַלגערט זיך דאָס וואַנדער־קלייד...
האָב איך אַנגעלאָדן גלות אויפן אַקסל, ווי אויף אַ בויד —
אַזוי שפּאַן איך מיט זיי אייביק מיט זייער לייד...

שופרות

(שופרות)

די שופרות האָבן אַ סך מאָל געבלאָזן
אין זיידנס הויז ערב יום-הדין,
פלעגן טראַגעדיקע ווײַבער קומען הערן דאָס בלאָזן,
און דעם מלבוש אויף מיר אויסגלײַכן זיך מיען.

זייערע אויגן פלעגן דעמאָלט פאַרגיסן טרערן,
און איך האָב ניט פאַרשטאַנען דעם זין, וואָס דאָס הייסט ;
ווי קענען הענט אַזוי צערטלעך ווערן,
און וואָס איז אָט דער טרויער, וואָס האָט ניט קיין טרייסט.

צו מיין האַלדז אַ קמיע איז צוגעבונדן געווען,
זיי האָבן זי געקושט מיט ציטעריקן ווי ;
כ׳האָב געבעטן אַז קיין סוף זאָל קיין מאָל ניט געשען —
אַזוי צום האַרצן איז געווען מיר יעדער קוש פון זיי.

געווען די הויט פון זייערע באַקן אַזוי גלאַט און ווייך,
מיין מויל האָט שיער געזינדיקט און געזאָגט : קושט נאָך...
נאָר פלוצים האָט דער שופר-שאָל דערהערט זיך אין דער הייך,
און די פּנימער געוואָרן זײַנען ווײַס, ווי אין בראָך...

ניט אַלץ איז אַזוי פשוט

(לא הכל כה פשוט)

ניט אַלץ איז אַזוי פשוט אין הויפן פון שטיבער,
פון אַלע עטאַזשן עם חלומען פענצטער ;
אין פאַרב פון די מויערן, אין נאַקעטע דילן,
ווערט פאַרקריצט יעדער רגע, וואָס גייט נאָר אַריבער...

ניט אַלץ איז דאָ פשוט צווישן ווענט פון חדרים.
עס טרעפט, אַז דאָס בעט, דאָס פאַרשפּרייטע, און דער פאָרהאַנג,
זיי פילן ווי דריבנע זיי זײַנען, ווי אָרעם,
און קניען פאַר אַ ספר אין שאַפע פון ספרים...

און טונקעלע טרעפּ צו די צימערן פירן,
דאָרט אַראָפּ אין פרימאָרגנס און אַרויף אין די נעכט ;
פאַרשוויגענע מענטשן פאַרמאַכן די טירן —
פאַר זיי, אָ, מײַן גאָט, איז מתפלל דײַן קנעכט...

עס טרעפט

(וישנו איש)

עס טרעפט, אַ מענטש וואַכט-אויף בײַנאַכט,
איין מענטש אין שלאָפנדיקער שטאָט,
און הערט אַ שטים, ווי פון ווײַט געבראַכט —
ס'איז פונעם שלאָף זײַן פרוים אַ סוד.

עס שײַנט איבער איר קאָפּ אַ ליכט,
צווישן ציין אַ שמייכל שוועבט.
ער קוקט מיט קנאה אויף איר געזיכט:
„אָ, ווויל דעם מענטש וואָס חלומות וועבט".

צי אפשר גאָר — אַז ווויל איז דעם,
וואָס וויים נאָר גויט און איז פאַרבלענדט;
האָט בלויז אַ צימערל, אַ ליכט,
וואָס פלעמלט קוים און ברענט און ברענט.

אין אָט דעם צימער בײַ דעם ליכט,
נאַכט אײַן, נאַכט אויס, ער ציילט די שעהען,
ווי ער וואָלט זיך יעדע נאַכט געריכט
אויף ריזן-קאַמף, וואָס הייבט זיך אָן...

נאָר וואָס טויג שטורעם און ווער דאַרף קריג,
אַז אומעט מוז דיך פאַנגען, האָבן?
וואָס האָט דער מענטש פון גלוסט און זיג,
אויב אַלץ מוז ווערן באַלד באַגראָבן?

און ווער וויל קאַמף און וואָס טויג קריג,
אַז זעסט אַזוי פיל ווונדער, מאַכט?
אויב אין דער שעה, וואָס קומט ניט צוריק
איז דאָ אַ גאָט און ימען פראַכט?

און איז דאָ שענערס פון אַזאַ טרויער:
ווי דער סנה איך פלאַם דאָ פרום;
דערנאָך — כ׳ווער אויסגעלאָשן אין מויער,
אין פאַרנאַכטיקן אַרום...

אַ נאַכט אַזאַ

(לילה על חיי ירד)

נאַכט אַראָפּ איז אויף מײַן לעבן:
וואָס וועט מיר דער מאָרגן געבן?

וועט מיך וועקן: „שטיי־אויף גיך,
מ'הערט שוין וווּנדער פון משיח?״

צי ער עפנט שטיל די טיר מיט שפּאָט,
ווי ס'רופט דער תלין צום עשאַפאָט?

צי וועט ער גאָר ניט קומען, נאַרן,
און אומזיסט מײַן בענקען, גאַרן.

נאַכט אַראָפּ איז אויף מיר שוואַרץ...
און עס ציטערט שטיל מײַן האַרץ.

צו א געפאלענעם...

(לאחד שנפל)

כ׳האָב געזען דיך הענגען אין דער הייך אויפן שטריק
דרייסיק מעטער איבער דער גאַס,
איידער ביסט אַראָפּגעפאַלן...
ס׳האָט אַ זעץ געטאָן דײַן האַמער אויפן בלעך, ווי אויף אַ פּויק,
דער אין־סוף האָט געציטערט פון אַלאַרם־געברויז —
און דו ביסט ניט נבהל געוואָרן...

נאָך דעם כ׳האָב געזען אַ המון האָט געשפּאַנט,
און צוויי פון זיי
האָבן געטראָגן אויף די הענט
דײַן גוף אין אַ מאַנטל, צעפּיצלט, פאַרלענדט.

כ׳האָב אויפגעדעקט דײַן פּנים,
געזען דײַנע ציין,
זיי האָבן אַפילו אין טויט נאָך געלאַכט.
און דער טרויער האָט דורכגעדרונגען מײַן געביין,
און כ׳האָב געטראַכט:

מײַנע יאָרן, זיי זײַנען אין פּוסטקייט אַריבער,
מײַן לעבן האָט אין גאַנצן פאַרלאָרן דעם וועג...
וואָס כ׳בין ניט געשטאַנען לעבן דיר, ווי אַ ברודער,
אַ בענקעלע צו זײַן פאַר דײַנע פיס אין דער נידער,

ווען כ׳האָב אויפן שטריק דיך הענגען געזען,
און בין פון דיר אַוועק —
און מײַן האַרץ איז אַפילו אָן חרטה געווען...

...וואָס איך האָב ניט אויפגעהויבן צום הימל מײַנע הענט,
און ביסט ניט געפאַלן אויף מײַן לײַב אַרויף,
און געראַטעוועט זיך פון דײַן פאַרלענד —
אַז טראָגן מ׳זאָל אויף הענט
מײַן צעבראָקלטן גוף...

ווי אַן אָרעמאַן ביי דער טיר

(כעני בפתח)

דערלויב מיר צו וווינען אין הויז דײַנעם, גאָט,
ווײַל איך האָב ניט קײַן הויז.
די הימלען, די שטאַרקע, זיי זײַנען ניט באַדראָט
פון שטורעם און ברויז.

דערלויב מיר געניסן דאָס ברויט פון דײַן לאַנד,
ס'אַ הונגער — אַ צער;
עס זײַנען די פעלדער, פאַרזייט אָן דײַן האַנט,
געשלאָגן מיט דאַר.

דערלויב מיר צו זען דאָ אין פרילינג דײַן גאָרטן,
די זון און די גראָזן;
קיין פענצטער מ'זעט ניט פון די געצעלטן,
אַלע לאָמפּן — פאַרלאָשן.

און דײַן מאַרמאָר, דער ריינער, און די בלומען אין פלאַמען,
זיי ציען אַזוי;
דערלויב מיר צו בעטן פון דײַן האַנט דעם האַמער —
און איך קלאַפּ און בוי...

נאַכטיקע תפילות

(תפילות בלילה)

לאָז מיך נאָך לעבן די איינציקע נאַכט,
לאָז מיך נאָך לעבן.
אויפן קאַרק פונעם באַרג, אויף דער וואָך ווו איך שטיי,
קומט ניט קיינער אין ריי... און מיין וווּנד בלוטיקט, רינט —
אָ, העלף מיר אַצינד!

לאָז מיך נאָך לעבן די איינציקע נאַכט,
לאָז מיך נאָך לעבן.
דרײַסיק יאָר שטורעמט און פלאַמט מײַן געביין,
כ׳וויל מאָרגן נאָך זען ווי מײַן פאָן פלאַטערט ריין —
אָ, האַרץ, בלײַב ניט שטיין!

לאָז מיך נאָך לעבן די איינציקע נאַכט,
לאָז מיך נאָך לעבן.
איך היט אָפּ דאָס פײַער, וואָס כ׳האָב געשוואָרן אין קריג,
איך הער שוין ווי ס׳רוישן אין טאָל זייערע טריט...
די וויען — כ׳פאַרשטיק.

לאָז מיך נאָך לעבן די איינציקע נאַכט,
לאָז מיך נאָך לעבן.
ס׳איז פון פײַן און באַהעלטעניש מײַן האַרץ אָפּגעשוואַכט,
אָט נאָר איין שטראַל ליכט, און ס׳שײַנט-אויף די נאַכט —
טויט, אָ, וואַרט!...

אַ פּראָטעסט

(מחאה)

איך וויל ניט שטאַרבן!
מיט מײַן לעבן וואָס פאַרביי איז אין דער הייל פון יסורים,
מיט דער לאַסט וואָס כ׳האָב געלייטערט אין טיגל פון הכשרים —
איך וויל ניט פאַלן אַ באַרויבטער קרבן,
ס׳איז נאָך ווײַט פון אַ סיום.

כ׳האָב געבויט אַ טורעם צום הימל, צום הויכן,
מײַנע פענצטער זײַנען שוין צווישן כמורעס;
און איך ווייס געננו: כ׳וועל קיינמאָל ניט דערגרייכן,
מײַן האַרץ ווערט צעבראָכן אין די חושכדיקע טורמעס —
נאָר אייביק כ׳וועל זאָגן מײַן אמת.

איך שטאַרב און ניט מיט מײַן ווילן,
ווער געמאָרדעט און ניט צוליב זינד;
איך ווייס, ביסט שטאַרקער פון מײַנע געפילן,
מײַן אומגליק, מײַן ווונד —
נאָר „אמן" איך ענטפער ניט.

צום אויער וואָס הערט ניט דעם קלאָג,
צו דער וועלט אַ פּראָטעסט איך טראָג:
ערגעץ דאָרט
קומט־אָן דער טאָג — — —
נאָר דאָ, איך ווער אין חושך, מיט שפּאָט,
געפירט צום עשאַפאָט.

היט מיך, גאָט

(שמרני, אלוהים)

היט מיך, גאָט, כ׳זאָל מײַן ברודער, דעם מענטשן, ניט האַסן,
ניט געדענקען מײַן צער פון אים זײַט כ׳בין נאָך אַ קינד;
ווען ס׳לעשט זיך מײַן שטערן, און פאַרשטומט ווערט
דאָס קול פונעם האַרצן,
זאָל אַ שוידער ניט קומען כ׳זאָל אים וואַרפן אין פנים זײַן זינד.

ווייל ס׳איז מענטש מײַן פאַרבאָרגענער האָפן,
כ׳קוק אין אים זיך אײַן,
ווי אַ וואָגלער פון דער פרעמד זעט אין טייכל זײַן בילד, זײַן אָפּשײַן;
ווייל וואָס פאַר אַ זין האָט מײַן וואַנדער און ווענען
דערצייל איך מײַן פּײַן.
אויב אויך די לבנה פון מײַן נאַכט וועט אויסגעהוילט זײַן.

און ווען ס׳שליסן זיך טויערן, אויף שטאָט דאָן אַ פינצטערניש ליגט,
און איך בין געשמידט צו מײַן פעלדז און פון ליבע פאַרשטויסן —
לאָז מיך זען אין דעם מענטשן אַ פונק, בלויז אַ פונק וואָס נאָך גליט,
כדי איך זאָל וויסן, אז אויך אין מיר איז נאָך אַלץ ניט פאַרלאָשן...

די תפילה פון אַ פּאָעט

(תפילת משורר)

מײַן גאָט, דײַן שירה וואָס האָסטו אין מיר אַרייַנגעגעבן,
קען דעם מענטשן ניט שילטן, ניט צעברעכן;
ס׳קען דערפֿאַר דער באַטריבער פֿון מײַן לײַב און לעבן,
און דער מענטש אָן נשמה — זי פֿאַרשוועכן.
זי קען אויך ניט לאַנג די שׂנאה אויפֿהיטן,
און דעם מענטשן פֿאַרהאַסן אָן אַ שיעור;
דערפֿאַר איז אַזוי גרינג דעם מענטשן אָן זיטן
מיך פֿאַרשעמען און זיך דערהייבן איבער מיר.

און ניט צוליב זיך מיט עמיצן איך קריג זיך,
און ניט וואָס מײַן ליכט איז פֿאַרשניטן געמיין;
איך ווייס, ניט דער וואָס זינגט איז דער עיקר,
נאָר די שירה פֿון הארץ אַליין.
נאָר אויף איר מוז איך זאָגן אַ תּפֿילה אַ טריבע,
ווייל איר אמת האָט דײַן הארץ דאָך באַשאַפֿן —
אַז זי זאָל ניט ענטפֿערן מיט סיבה אויף סיבה,
נאָר דעם אמת אַליין שמידן און שאַפֿן.

און זאָל מײַן נקמה־האַרץ מיך ניט איבעררײדן,
כ׳וויל ניט זײַן אויך אַ קדוש און געפּייניקט אַ גרויל;
אַרום איבער דער וועלט גייען בלינדעביידע,
און פּוסט און אויסגעדראָשן איז דאָס וואָרט אין זייער מויל.

לאָז מיך, מײַן גאָט, אָ, זײַן ווי איך בין,
ווען דײַן מנורה אויף מיר וואַרפט אין פּראַכט איר שײַן.
כ'זאָל לויטער באַנעמען ביז מײַן טויט דעם זין,
וואָס זי סודעט מיר ליב וואָרט אויס, וואָרט אײַן.

גאָט באַהאַלט זיך

(אל מסתתר)

פאַרוואָס באַווײַזסטו זיך נאָר ווען איך פאַל,
און ביסט נישטאָ אויפן גלײַכן דרך?
פאַרוואָס האָסטו אַראָפּגעזעצט מיך מיט אַ קנאַל
פון מײַן גליקלעכער הייך אָן אַן ערך?
פאַרוואָס זאָגסטו צו מײַן גייסט: „דו בייג זיך אײַן,
ווײַל אין פינצטערן גרוב וועל איך זײַן?...”

איך ענטפער שוין אַ וואָרט ניט דעם זידלער מער
ווען ער גרילצט אַפילו, ווען ער שרײַט;
איך אויף דעם נאָכיאָגער איך צאָרן ניט מער,
ווען עקן מיין לעבן איז גרייט.
ווי קען איך זיי דערציילן אַז דו אַליין
ביסט איצטער פול מיט פּלאָג און געוויין?

איך האָב דאָך אויך נאָר ליב דאָס ריינע,
און פאַרמיאוס דאָס געמיינע.
ווי זשע קענסטו מײַן הונגער פון דעם חרם ברעכן,
און דײַן ליכט אויפפּראַלן
צו דעם וואָס האָט פאַרשוועכט דײַנע קוואַלן?

— — — — — — — —

אַ מזמור צום באַזיגטן און גערעכטן...

צו אַ שיינער פרוי

(לאשה נאָה)

כ'וויים ניט ווער דו ביסט,
כ'וויים ניט וואָהין...
ווו עס שאַרט זיך דײַן שאָטן,
איך שפּאַן אויך אַהין.

אין גאַסן אַ ברומען,
גערוישן, קיין רו...
און ס'הערט זיך פון זשומען
נאָר דו און נאָר דו.

דער גוף — געשטרעקט,
און ברוין דער האַלז;
די האָר — פאַרדעקט,
ווי עפּעס זי באַהאַלט.

אָט ווערט זי פאַרשווינדן,
אָט שפּאַנט זי בײַם מויער,
ווי אַ ליכט אָנגעצונדן
אין אַ ים פון טרויער...

קוק ניט פאַרטראַכט,
מיט צעטומלטן בליק;
איך דאַרף ניט קיין זאַך,
און איך רוף דיך ניט צוריק.

כ'וויל נאָר אַזוי טרעטן,
ווי אויף אַ שפּאַציר,
אין טראָט פון דײַן שאָטן,
אויף אייביק, אָן שיעור...

ער רופט

(הוא קורא)

ער רופט — האָב איך אַוועקגעלייגט דעם לעפל בײַם עסן
אויפן טיש פון מיין אָונט-ברויט און אַ ווייל ניט געטראַכט;
ער רופט — האָב איך דעם דורשט און דעם הונגער פאַרגעסן,
און האָב אַ שפאַר געטאָן די טיר צו דער שוואַרצער נאַכט.
ער רופט — כ'האָב זיך פאַרוויקלט מיטן גילדערנעם שלייער,
און עס שווידערט די קעלט און איך לײַד אומגעהײַער.

ער רופט — האָב איך באָרוועס געקלעטערט אויפן באַרג,
און דאָס קול קומט פון דאַנען און דאָס קול קומט פון דאָרט.
ער רופט — און די דערנער מיך שטעכן אַזוי שטאַרק,
אַז ווי כ'שפאַן פאַרפלייצט מיט בלוט יעדער אָרט.
ער רופט — אין שטורעם, אין האָגל און אין רעגן,
און מיט שטילן געזאַנג גייט מײַן האַרץ אים אַנטקעגן.

ער רופט — און כ'האָב מער אין קיין זאַך ניט קיין אָנהאַלט,
ער — מיט שאַרפקייט פון טויט, איך — אין ליבע דערצויגן.
ער רופט — און זים איז דער חלום וואָס מ'חלומט
אין חושך פון שווידער מיט אָפענע אויגן.
ער רופט און ברענגט אומקום אין שוים פון זינד,
ער רופט — און מײַן גורל איז פאַרחתמעט, באַשטימט...

כ׳וועל שטיל נאָך עפענען די טיר

(עוד אפתח בלאט הדלת)

כ׳וועל שטיל נאָך עפענען די טיר
צו דער ווײַט, ווי אין אַ טרוים.
וואָגלען איבער וועלט אָן שיעור,
און ניט אומקערן זיך שוין.

פאַרגעסן וואָס אַמאָל כ׳פלעג הערן
פון דעם גאון־קאָפּ, פון רבין;
און מײַן זון וועט זײַן — אַ שטערן
ביי דעם ריינעם קוואַל דערנעבן...

צי אפשר זוכה זײַן איך וועל נאָך
איינזאַם לעבן צווישן ברידער,
אָן שום נחת, אָן שום בראָך,
גאָר אין גענאָד פון מײַנע לידער.

און קעגן אָוונט, הענט געהויבן,
כ׳היל אין שטילקייט זיך פון בלוי,
מיט מײַן האַרץ צו בענטשן, לויבן
אַלץ און אַלעמען אַזוי.

און שטאַרבן זאָל איך שטיל, אָן אוי,
אָן אַ פרײַנד, אָן עדות, פרום,
מיט אַ צעגלאַנצטן טראָפּן טוי
אויף אַ בעכער פון אַ בלום...

מיט אַ שטערן אין הימל געצונדן

(עם כוכב נדלק בשחק)

מיט אַ שטערן אין הימל געצונדן,
קעגן מערב צעפינקלט, צעפלאַמט,
טראָג איך פליגלען צו ווײַטן און ווינטן,
שטומע פליגלען פון סודותפול לאַנד.

שטייט אַ שטוב — פון די העכסטע בנינים,
ס׳איז מײַן גאַס צו די הימלען אַ וועג;
כ׳זע דאָס פנים פון מענטש ווי גאָטס פנים,
און איך בייג אָן דעם קאָפּ פאַר די טעג.

אָ, דרייט זיך און רינגלט אַרום מיך,
מײַנע טעג, צעזייט און צעשפּרייט,
דאָס צויבער-פעלד האָט דאָ דערגרייכט מיך,
מיט די פרוכט פון אַלמעכטיקע טעג.

דער קאָרן אַזוי סודותדיק רייפט זיך,
און פאַרהוילענע בענקשאַפט עס יערט;
ס׳איז מײַן וועג דאָ אַ בריק, אויסגעלייגט זיך
צווישן די שטערן און דער ערד.

ס׳איז די וועלט אַזוי נאָענט צו מיר,
און דאָס לעבן מיט ליכט פול, אַ וווּנדער.
אויך צו שטאַרבן איז מיר ליב דאָ אָן שיעור,
מיט דער זון אין אַ טאָל אין דער נידער...

אַן אָוונט־תּפֿילה

(תפילה עם ערב)

אויב ס'וועלן מײַנע טעג שוין זײַן ווייניק אויף דער ערד,
גיב, גאָט זיי זאָלן שיין כאָטש זײַן.
ס'זאָל ניט הוליען אויף דער וועלט דער צאָרן פֿון שווערד
און זאָל אַ סוף זײַן צום מענטשנס פּײַן.
און מײַן פֿאָלק זאָל לעבן אויף זײַן ערד אומגעשטערט...

און גיב מיר אַ שטיבל אין דאָרף, אויפֿן לאַנד.
צווישן פֿעלדער אַ סך,
כ'האָב זיך אַלע מײַנע טעג געוואַלגערט אין זאַמד,
אויפֿן שליאַך, אָן אַ דאַך.
און כ'בין אַזוי מיד...
און זאָל אייביק מײַן פֿענצטער שטיין אָפֿן צו דער וועלט.
און צו דעם ייִד...

מײַן טויט

(מותי)

הלוואי זאָל מײַן טויט זײַן ניט אַזאַ טויט
ווי פון די וועלט-אויסלאַכער און די גורל-שעלטער;
ווי אַ טייך, וואָס גייט אויף ביי אַ פעלד פון ברויט,
זאָל איך פאַרגיין און אויפגיין אין מײַן עלטער.

הלוואי זאָל מײַן טויט ניט זײַן דאָס פאַלן
פון געבויגענע קני, מיט אויגן פון געוויין;
נאָר אייביקע פרייהייט זאָל בײַם סוף מײַנעם שאַלן,
און אַלע מײַנע ביינער זאָלן אין פלאַם זיך פרייען.

און מיין טויט זאָל ניט זײַן דער סוף פון מײַן ליד,
נאָר עיקר און אָנהייב פון אַ טײַער געשאַנק —
אַ געזאַנג צום מאָרגן פון אַ צעבראָכן געמיט.

הלוואי זאָל מײַן טויט אַזוי לעבעדיק זײַן,
אַזוי ווי אַ נר-תּמיד אין מײַנע ברידערס בית-תּפילה,
וואָס גיט אַלעמען ברכה, און פריידן און שײַן.

די צעלויכטענע שעה

(שעה מאירה)

האָט אָנגעקלאַפּט צו מיר שוין די לעצטע שעה,
וואָס מײַן האַרץ רופט, און ענטפערט אַזוי לויטער און קלאָר?

וואָס צוימען זײַנען געפאַלן, און ס'איז אָפּגעשאַפּט דער תחום,
און אַלע זאַכן פון נעכטן, פאַרטונקלט און שטום,

האָבן געעפנט די אויגן, — און כ'האָב מײַנע אויגן דערזען;
דערוואַכטע, ווי לאַנג אין פאַרבאָרגעניש געווען.

אינעם פלאַם פון דעם האַרצן געלײַטערט, גענעזן.
און דער בליץ, וואָס קוקט אַרוים פון די טעג וואָס געוועזן

איז געפאַלן אין מיר, און פון מײַן לעבנסגאַנג
אויפגערודערט יעדעם בילד און געדאַנק און קלאַנג.

און אַלץ וואָס כ'האָב געזען אויף דער וואַך, צי אין טרוימען,
האָט געיאָגט, איז אַוועק און איז אַהער געקומען.

אַלץ וואָס טוט טיף אין מײַן בלוט נאָך יערן,
דער עבר פון וועלטן, מאַסן גלאַנציקע שטערן.

יעדער טראָפּן פאַרלאָפענער, פאַרשיכורט פון קוואַל —
דאָס פאַרלאָשענע צינדט־אָן זיך און שטראַלט מיט זײַן שטראַל.

און דו, אָ, גאָטס וועלט, הייבסט זיך אויף פון מײַן געביין.
און כ'גיי צו דיר... און קום צו זיך אַליין.

אַ פּאָעט

(משורר)

כ׳האָב געמיינט: דער אור־וואַלד פון מײַן שטאַמען
וועט שטילקייט מיר געבן;
אַ וועלט גייט־אויף אין פלאַמען,
און איך זאָל לידער וועבן?

געמיינט: וועל זיך באַהאַלטן אין אַ גראָבן
און די ליפּן פאַרצוימען;
בין אַזוי מיד שוין צו באַגראָבן
מײַנע שענסטע טרוימען.

נאָר אַ סטרונע איז אָנגעצויגן צום מינדסטן ריר,
שפּילט תמיד און קלינגט.
אָ, נשמה, וואָס ווילסטו פון מיר?...
און מיין הארץ זינגט און זינגט.

איך זינג ניט

(לא חפצתי לשיר מכאוב)

כ׳זינג ניט מער פון ווײ און שרעק...
איך האָב געבענקט נאָך מרחק העלן,
צו געפינען ווי אַ ברעג,
אַ הויף, אַ שטוב מיר אויפצושטעלן.
נאָר ס׳איז, לײדער, ניט געשען,
קײן מזל ניט געווען.

און טרערן מער ניט איך פאַרגים.
כ׳פאַרקלעם די צײן נאָר אַן געשרײ,
און שפּאַן אויף תהום מיט מײַנע פּיס...
די זון גײט אונטער, כ׳קוק מיט ווײ,
און שטיל מיט איר זינקט אויך מײַן שיף
אין דער טיף...

כ׳זינג ניט מער פון ווײ און שרעק,
און איך פאַרגים ניט מער קײן טרער.
און איז נישטאָ קײן הויז, קײן ברעג,
און אויך צו אָטעמען איז שווער —
זינג איך אַלץ פון פּראַכט, כּי־טוב,
גײ אַנטקעגן טאָג מיט בלומען,
אַ טאָג מיט זון און גאָלד לרוב,
וואָס וועט באַלד קומען...

איצט האָב איך מער גאָרניט

(הקדשה)

אַז ס׳זאָלן פון מײַן ליד די פּערזן זײַן רײפע —
כ׳האָב צעוואָרפן אַלע שטײנער פון מײַן שטוב;
אַז זײַן קרוין זאָל שטראַלן מיט פאַרבן אַ שפע —
האָב איך אָנגעגאָסן מײַן ליד מיט מײַן בלוט.

אַז מײַן שיר זאָל אײן פרײַנד נאָר מיר זײַן אויף דער וועלט —
כ׳האָב צעוואָרפן מײַן גליק מיט די אײגענע הענט;
ער זאָל זײַן אי אַ מאַמע, אי פרוי, אי געצעלט —
בין איך אײנזאַם געבליבן, ווײַל כ׳האָב אַלץ פאַרלענדט...

האָב אַלײן אָן רחמנות זיך אין גאַנצן פאַרדאָרבן,
אַז מײַן ליד זאָל האָבן פליגל און אַ פּרעכטיקן קלאַנג —
איצט האָב איך מער גאָרניט, ווי כ׳זאָל האָבן געשטאָרבן,
נעמט מײַן ליד אויך אַוועק, עס איז אַײער געזאַנג...

לידער פון אומקום

האַלבע נאַכט

(חצות)

די נאַכט האָט געשוויגן.
און איך בין געשטאַנען אין דער ליידיקער גאַס —
און געשריגן.

איך שרײַ:
ווייל ערגעץ אַרום ווערן מעסערס געגרייט,
ווייל ערגעץ אַרום ווערן מענטשן געטייט.
ווייל איבער דער וועלט איז אַ גרויל, איז אַ שרעק,
און צום מאָרדן און רויבן עס נעמט ניט קיין עק.
און עס שווײַגט די נאַכט.

קעגן פינצטערע שויבן
אין דער גרויליקער נאַכט,
כ'האָב אַ פויסט אויפגעהויבן
און קלאַפּ: דערוואַכט!
און אינווייניק זײַנען די הערצער פאַרשלאָפן,
און ס'הוליען די קינס אין דרויסן ווילד־אָפן.

מ'הרגעט, מ'שעכט,
אַ דור נאָך אַ דור,
דעם גואל, דעם קנעכט,
דעם פרײַען, דעם האַר.

איך שריי:
שטייט־אויף, שיכּורים אין אָרעמס פון חיה,
אָט ריכט איך הײַנט אָפּ פון דער וועלט אַ לוויה:
דער מענטש איז פאַרבײַ!

און כ׳בייג זיך איַין, און איך קריך אויף פיר,
שטעק אַרײַן די נעגל אין דער ערד אונטער מיר,
און גראָב...

איך גראָב —
כ׳וועל אפשר פון וועלט דעם געוויסן געפינען,
אָדער די טויטע וועלן אויפהייבן זייערע שטימען.
איך גראָב —
אַ קבר פאַר מײַן ליבּ, וואָס וועלקט און פאַרגייט,
אַ קבר פאַר מײַן קול, וואָס שטורעמט מיט לייד,
און שרײַט: דערוואַכט!

און עס שווײַגט די נאַכט,
עס שווײַגט די נאַכט...

אַ קינד וויינט

(ילד בוכה)

אין דאַרף אַ ייִדיש קינד פֿאַרגייט זיך אין געוויין,
באַלד אַריבער די נאַכט און עס לעשן זיך שטערן.
איך שפּאַן אַליין אין שטויב, אין דער ווײַט, און אַליין —
אַ ייִנגעלע אין דאָרף פֿאַרגייט זיך אין געוויין
צווישן ציטער פֿון ביימער און פֿעלדער וואָס צערן.

„טאַטע!" — ער שרײַט און ער בעט דאָרט אַ מידער.
„מאַמע!" — ער קלאָגט ביז נישטאָ מער קיין כּוח.
מיט פּלאַטער און קרעכץ ער רופֿט ווידער און ווידער.
„טאַטע!" — ער שרײַט און ער בעט זיך אַ מידער.
און ס'דאַכט זיך זײַנע קינדערשע יאָרן וויינען אויך.

האָט ערגעץ זײַן טאַטע אַן אָרט אויף דער ערד,
צי איז עלנט, פֿאַרשטויסן, ערגעץ הפֿקר אין נידער?
דאָס קינדערשע האַרץ פֿון זײַן טויט איז באַשווערט:
האָט ערגעץ זײַן טאַטע אַן אָרט אויף דער ערד,
אויף וועגן פֿון יאָמער, צי אין קבֿר פֿון ברידער?...

האָט אַ פֿײַל דורכגעלעכערט דאָס האַרץ פֿון זיין מאַמען
ווען מעלקן די קו זי האָט געשפּאַנט זיך פֿאַמעלעך,
און ליגט איצט מיט קרוגן פֿון מילך צוזאַמען?
האָט אַ פֿײַל דורכגעלעכערט דאָס האַרץ פֿון זײַן מאַמען,
און זי איז אויסגעגאַנגען אַזוי ריין ווי אַ מלאך?

עס וויינט אויף דער יִדישער ערד דאָרט אַ קינד,
אַ פידל צעגיסט זיך בײַם אויפשטיין פון טאָג.
צי עס קלאָגט וואָס דער גואל האָט פאַרזאַמט ביז אַצינד?
עס וויינט אויף דער יִדישער ערד דאָרט אַ קינד,
און ס׳גרוילט אין זײַן שטימע אַ ניגון פון קלאָג.

צי ער הערט פון זײַנע קליינינקע ברידער אַצינדער
דאָס געוויין, ווען זיי בלאָנדזשען אין דער נאַכט פון דער וועלט?
צי זעט ער דערהרגעטע, אָן קברים, די קינדער?
צי ער הערט זײַנע קליינינקע ברידער אַצינדער,
וואָס וויינען ווי ער איצט, צעפּײַניקט, געקוועלט?

צי ער פילט ווי מ׳וועבט אין דער ווײַט דעם באַגער
צו פאַרטיליקן ציון, זי דערטרינקען אין בלוט?
צי פרווּוט ער פאַרלעשן די שריפה מיט אַ טרער?
צי פילט ער ווי מ׳וועבט ערגעץ ווילד אַ באַגער
דורך טעג און דורך נעכט מיט אַ רוצחישן גלוט?

עס וויינט דאָרט אַ קינד אין האַלב-טונקעלן פאַרטאָג,
באַלד אַריבער די נאַכט און עס לעשן זיך שטערן.
און ס׳ענטפערט ניט קיינער אויף זײַן יִדישן קלאָג.
עס וויינט דאָרט אַ קינד אין האַלב-טונקל, פאַרטאָג,
צווישן ציטער פוןביימער און פעלדער וואָס צערן...

אויפן וועג פון שוידער און געזאַנג

(בנתיב הזוועה והרון)

מיטן מזל פון בלוט כ׳בין געבאָרן, מײַנע וועגן זײַנען
שטורעם און קראַך,
אַנגעצונדן איז די שטוב אויף די באַוווינער ווען איך
אין מײַן יוגנט כ׳בין נאָך.
דער חושך איז ערגער געוואָרן ווען צו רעטן זיך כוואַליעס
כ׳האָב געשניטן,
פון פאָרנט און הינטן איז נאָר גרוילן, און מתים נאָר
ליגן אין מיטן.

די שטאָט וווּ איך וויל איבערנעכטיקן איז צעחרובט געוואָרן
ביז די שטאַמען,
דער טײַך האָט אויף מײַן בריק אויפגעברויזט, און דער וואַלד
האָט געוואָרפן מיט פלאַמען.
כ׳נעם אַרום אַ פרוי און זי שטאַרבט, און אַ פרײַנד
איז מיר אַ שונא געוואָרן,
כ׳האָב אַ מקדש מיר אויפגעשטעלט — און גאָט איז
אַ לייב פול מיט צאָרן.

מײַן דור איז פול מיט פאַלשקייט און אימות, זײַנע טויערן —
פון מלחמות גענערט,
מײַנע הימלען — פאַררויכערט פון שריפות, צעטראָטן
אין בלוט ווערט די ערד.
כ׳האָב געלייגט אויפן ים מײַן האָפענונג, פאָרט מײַן שיף
אָן אַ ברעג, אין געדריי;
געבורטסלאַנד! — איך שרײַ — מײַן געבורטסלאַנד!
אַ, אויך דאָס געבורטסלאַנד איז — ווײ...

מײַן ברויט איך צי אַרויס פֿון פֿעלדזן, און שלאַנגישער גיפֿט
איז מײַן וואַסער,
היצן און קראַנקייט און גיהנום, און פֿעלקער אַרום —
נאָר זיי האַסן.
אַז איך הייב אויף מײַן קול הער איך ענטפֿערס פֿון ברידער
אויף דער וועלט, דער ברייטער,
וואָס עקן זיך פֿון רויב און מאָרד, און הויכן־אויס
די נשמה אויפֿן שײַטער.

אַליין כ׳בין אַרויס פֿון מוטערטראַכט, און אַליין
אין קבֿר איך נידער,
מײַן וווּנד איז נישט געוואַשן אין טרערן, און מײַן פֿאַרעקשנטער
נאַקן — איז נאָך דערווידער.
מײַנע אויגן קענען זיך זיי קוקן, און מײַנע פֿיס
ביזן לעצטן גאַנג
וועלן טרעטן מיט קראַפֿט און מיט האַרטקייט אויפֿן וועג
פֿון שווידער און געזאַנג.

אין נוסח פון אַן אַלטער תפילה

(בנוסח תפילה עתיקה)

ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ גרויסער טרויער אויפן גורל
פון מײַן פאָלק צווישן אומות,
ווייל דו האָסט ניט קיין פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט אים ניט
געפּײַניקט, געממיתט;
און אַלע זײַנע אויפגעבויטע טעמפּלען און הייליקטימער
צעשטערט און צעדריקט,
און נישטאָ גאָר קיין פּלאָג אויף דער ערד, וואָס מ׳האָט אויף אים
ניט אָנגעשיקט.

פון דעם טאָג וואָס אברהם האָט געפירט יצחקן צו דער עקידה,
ווערן מיר געפירט יעדן טאָג צו דער שחיטה
און צו שרעק און לײדן;
אַ קינד און אַ זויגלינג לעבן דער מאַמען,
דער בכבודיקסטער אין דער עדה —
אונדזער צונג איז שוין צוגעקלעפּט צום גומען
פון באַוויינען אַבידה נאָך אַבידה.

און מיר האָבן דאָך אַליין אָנגעצונדן די ליכטער
פאַר אַ פעלקער-פרייד,
דורכגעשפּאַנט פאַרן און סיני און געקליבן
פון די תורות די רייד;
און די פעלדער פון דער וועלט האָבן אונדזערע הענט
צעאַקערט און פאַרזייט,
מיט זיסע פרוכט זיי געזעטיקט — און אונדז
איז געבליבן די לייד...

ס׳האָבן שלאַנגען אונדז אַרומגערינגלט, און מיט
אַזאַ רישעות אַ געמיינער,
אַז יעדער אויג האָט דערבליקט, נאָר דערפילט מיטן הארץ
האָט ניט קיינער,
ווען אין אונדזערע טעג האָבן די רוצחים אונדז
זעקס מיליאָן ברידער פאַרלענדט,
און קיין פייער איז ניט אַרוים צו פאַרברענען די וועלט,
וואָס איז אַזוי אומפאַרשעמט.

אָט האָבן מיר געבויט אויף אַ בערגל פאַר דער שארית הפליטה
אַ זאָנע,
אַ נשמה־ליכט פאַר ברידער, אַ מקלט, און אַן עדות
אַז ס׳איז ליבע פאַראַנען.
מיר ליגן אויף טרוקענער ערד, און זי זעטיקט זיך
מיט אונדזער בלוט —
פאַרוואָס איז אונדז געקומען די שנאה, פון האָפענונג אויף פרוכט—
דער גלות?

אָט האָט זיך פאַרגנבעט צו אונדז אַ שמץ פון די לויטערע בשורות,
וואָס יעדער דור האָט געגלוסט פון גלות, פון דער פרעמד,
פון די מוראס
די וואָגלער אַהיים אומצוקערן, זאָלן קומען צום פאָטערלאַנד
מיט תענוג —
און מ׳האָט בלוט אין אונדזער ווײַן אַנגעגאָבן, און ביטערס
אין אונדזער האָניק...

מײַן פאָלק, ווי עס גלוסט מײַן הארץ אָפצווווישן
פון דײַנע אויגן אַ טרער,
ווען איך שפּיל־אוים אַ ליד אויף מײַן האַרף, פון יעדן טאָן
פול מיט טרויער איך ווער.

דײַנע טויטע צו רופן בײַם נאָמען איך ציטער,
ס'ווערט קורץ מיר דער אָטעם —
אָ, ווי אָפּגעמעקט זיי זײַנען פון הארץ! ווי פארשלונגען
אין דער פוסטקייט, אין שאָטן!

צי ביסט אפשר געזאָלבט פאַר אַ הייליקן צו ציילן
ביזן סוף די ספירות
פון אַלע ווייען אין דער וועלט, און ביזן גרונט
די אַלערליי אימות,
און דיר האָט מען געגעבן דעם שליסל און דו דאַרפסט
די בחירה מאַכן —
האָסטו איבערגעענטפערט דײַן קערפער צו סקילה
און ברענען און שטעכן.

מײַן פאָלק, האָסט דעם כוס פון טרויער ביזן סאַמע דנאָ
אויסגעטרונקען,
פון עק וועלט ביז עק וועלט עס ציט זיך דײַן גלות
אין פּחדים פאַרזונקען,
ביסט אַרײַנגעפאַלן טיף אין תהום — בײַם אויפשטיין
וועסט צום הימל דערלאַנגען —
איך טרייסט זיך, ווײַל איך זע די ברעגן פון דײַן מאָרגן,
וואָס איז אויפגעגאַנגען.

מ׳רײַסט די פּירות

(קטיף בארץ)

איך גיי אויף דופטיקע וועגן אין פריען פאַרטאָג,
עס ליכטיקט צווישן פּרדס און פּרדס דער שטעג;
איך גיי צווישן בליונג, נאָר דאָס האַרץ איז אין פלאָג —
וועמען וויל איך, וועמען זוך איך אויף מײַן וועג?
איך זוך דאָ אַרום פון מײַן חלום מײַנע ברידער,
וואָס געלאָזן כ׳האָב אין שאָטן פון דעם עשאַפאָט;
זיי וועלן שוין ניט זען אָט דאָס לאַנד פון וווּנדער —
זיי זוך איך דאָ אַרום אויף יעדן אָרט...

איך ברעך און האַלט אין איין שאָקלען דעם בוים,
קלאַפּ, וואַרף אַראָפּ אַלץ די פרוכטן אָן שיעור.
כ׳רײַס, כ׳האָב אַזוי פיל אײַנגעזאַמלט שוין —
נאָר וואָס עפענען זיך ניט מײַנע ליפּן אין אַ שיר?
אָ, ווײַל אין די טיפן ליגט פאַרשטעקט די פײַל.
וויי, ווײַל פאַר זיי וועט די פרוכט מער ניט בליען.
פון קרײַז און פון שטאָט מ׳יאָגט אין געאײַל —
ווי קען גאָר מײַן מויל אַ ניגון פאַרציען?

עס גייט אונטער די זון אין פלאָנטער פון בלעטער,
יעדער צווייג ווערט אָן אבר, וואָס מיט בלוט זיך נערט.
כ׳גיי אַוועק פאַראײנזאַמט אין שאָטנדיקע ערטער,
שפּאַן אַרום אַ פאַרשעמטער מיט די אויגן צו דער ערד.
אויף ערד זײַנען נישטאָ דאָך קיין פאַרשלאָסענע טויערן,
און וווּנדן פון טויטע זי פאַרבינדט און פאַרדעקט —
וועט טאַקע זייער קול פון די קברים זיך ניט הערן?
צי זײַנען זיי אויף אייביק שוין אָפּגעמעקט?
אויף אייביק פאַרמעקט? — — —

אַ פּראָצעסיע

(תהלוכה)

דער שטאָט־רב ווי אַזוי קענגן טויט האָט געשפּאַנט?
אונדזער רב, קעגן טויט אין דעם גרויליקן בראַנד?
אין לויטערן שטערן אַ קנייטש ער באַהאַלט,
און מיט אַ ספר־תורה פאַרדעקט מיט אַ האַנט.
אַ קשיה אַ האַרבע דאָס האַרץ טוט אים עסן,
דעם תירוץ — דעם תירוץ נאָר ער האָט פאַרגעסן...
אָט שטרעקט שוין די האַנט צו רציחה, דער רשע —
וועט אייביק קיין ענטפער ניט זײַן אויף דער קשיה?...
אַזוי קעגן טויט אונדזער רב האָט געשפּאַנט,
מיט אַ ספר־תורה פאַרדעקט מיט אַ האַנט.

ווי האָט מומע פייגע קעגן טויט דאָרט געשפּאַנט?
מומע פייגע, ווי האָט ז י געשפּאַנט קעגן בראַנד?
מיטן קליידל פון זײַד, אויגן פול מיט גענאָד,
און אויף באַקן אַ טרער נאָך אַ טרער נאָכאַנאַנד.
אָט באַלד קומט דער שבת אַרײַן אין איר געצעלט,
זי האָט דאָרט אין אויוון די טיי שוין געשטעלט...
פון זיסע חלומות אַ שלייער אויסגעשפּרייט,
און פײַן ווי אַ כלה צו דער חופּה זי גייט.
אַזוי האָט מומע פייגע קעגן טויט דאָרט געשפּאַנט,
מומע פייגע קעגן טויט אין דעם גרויליקן בראַנד.

מלך דער גבאי ווי האָט געשפּאַנט קעגן טויט?
און הערש־מענדל דער שמש און לייזער דער מלמד?
מ׳וועט נאָך מאַכן אַ כּוסע, אַ „לחיים" מיט פרייד,
און מיט אַ שמעק „טאַבעקע" מ׳איז זיך מכבד...

אין הארצן עס פלאַמט פון צדיקים די ווערט, —
די נסים און מופתים... וואָס שייך דאָ קלערן?
אַ נפקה מינה צי הימל, צי ערד?
ער — אומעטום... וועט זײַן פאָלק ניט צעשטערן!
אַזוי־אַ געשפּאַנט קעגן טויט דאָרט עס האָט
דער גבאי, דער שמש און דער מלמד פון שטאָט.

ווי האָט טביה דער שמיד געשפּאַנט קעגן קלאָג?
און דער טרעגער און דער סטאָליער אין די טעג פון גרויל?
קייטן אויף די הענט און אַ שווערע וואָג
פון געהילץ אויף די פיס, און אַ צוים אויפן מויל.
אין לײַב טיף פאַרקריצט איז דער צאָרן, די זינד,
און בלוט אויפן וועג ווי אַ ריטשקע עס רינט.
נאָר ווי אָקסן צו שחיטה — און ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן,
מ'זעט שוין דאָס פײַער, און מ'האָט דעם קאָפּ ניט געבויגן.
אַזוי איז טביה דער שמיד דאָרט געגאַנגען צום טויט,
און שרגא און וועלוול אין דער גרויליקער נויט.

ווי איז קײַלע די צדקת געגאַנגען צום טויט?
און פערל די פרומע און חיענע די אַלטע?
זיך איבערגעשושקעט אַ חשבון אַ לעצטן,
„גמילות־חסד"־מטבעות, וואָס זיי האָבן באַהאַלטן:
פאַר קימפּעטאָרינס וויפל, אַן אַלמנה, אַ פאַרשמאַכטן —
און די איבעריקע זאַכן? — ניט פאַר ווײַבער צו טראַכטן!
פון מלאכים אַפילו ער פאַרהוילט זײַנע וועגן,
ווער זײַנען מיר דאָ אים גאָר קשיות צו פרעגן?
אַזוי קעגן טויט זײַנען געגאַנגען זיך שטילע
קײַלע, פערל און חיענע פון אונדזער קהילה.

און דאָס גאַנצע שטעטל ווי איז געגאַנגען צום טויט?
דאָס שטעטל, דאָס גאַנצע, אין דער גרויליקסטער נויט?
ווײַבער מיט תּחינות אויף די ליפּן, די פֿרומע,
מענער — מיט דערהויבענעם שווײַגן, ווי שטומע.
מיידלעך צעשרויפטע, פֿון חידוש באַנומען,
ייִנגלעך פֿון חדר מיט תּפֿילהדיק זשומען.
איר הערט איבער ערד זייער גאַנג, זייערע טריט?
ס׳עפֿענען זיך הימלען פֿאַר זייער זאַנג, זייער ליד...
אַזוי איז אונדזער שטעטל געגאַנגען צום טויט,
דאָס גאַנצע שטעטל אין דער גרויליקסטער נויט.

ר׳ מענדל

(ר׳ מנדל, אחיו של הרבי מגור)

ר׳ מענדל, דער ברודער פונעם רבין פון גער,
און זײַנע חסידים, אַ גאַנצע חבריא,
זײַנען אַרומגערינגלט פון דייטש מיט געווער,
מיט ביקסן געצילט שטייען רייע נאָך רייע.
און דאָ שטייען ייִדן און אָטעמען שווער,
און גראָבן זייער קבר, ווי שקלאַפן געטרײַע.

ר׳ מענדל, ער זעט יעדן ייִדנס געזיכט:
דער הונגער, דער יאוש, די פינצטערע נויט
האָבן אויסגעלאָשן אין די אויגן דאָס ליכט,
און אַלץ וואָס זיי טראַכטן איז נאָר וועגן טויט.
צי קען מען נאָך די ייִדישע נשמות פאַרריכטן,
און דעם הייליקן בורא נאָך געבן אַ לויב?...

אַזוי טראַכט ר׳ מענדל, און מאַכט אַ געוואַלד:
„אוי, ייִדן; אַ גלאָז־וואַסער, כ׳גיי־אוים פון פײַן!...
אוי, וואַסער!... איך גיב עולם־הבא אַ האַלב
צום הייליקן ייִדן, וואָס דאָס לעבן שטעלט אײַן!..."
נאָר ס׳רירט זיך ניט קיינער, און מ׳הערט ניט קיין קלאַנג,
און אויגן נאָר קוקן פאַרלאָרן, אָן שײַן.

„אוי, וואסער!! — שרייט ווידער ר׳ מענדל — נו? קיינער?״
און האָט זיך פאַרשעמט, וואָס זיין קול האָט צעשטערט
דעם גרויליקן יאוש, וואָס ליגט אין די ביינער,
די שרעק, וואָס מ׳האָט זיך קעגן איר ניט געווערט...
נאָר זעט, ס׳האָט זיך דאָרטן אַ ריר געטאָן איינער,
זיך געלאָזט דורך דייטשן און רוצחיש געווער.

אַ פּשוטער שניידער, אַ תמים, אַ העלד,
האָט געלאָזט צו דעם קוואַל זיך, געפּענטעט, געשמידט,
און וואַסער געבראַכט, און דאָס לייב איינגעשטעלט...
און ר׳ מענדל ער וואַשט זיך מיט רויק געמיט,
און וידוי ער זאָגט צו דעם האַר פון דער וועלט,
און „אמן!״ ס׳ענטפערט יעדער איינציקער ייִד.

און ווען דער רוצח באַפוילן האָט: „פייער!״,
צום הימל ר׳ מענדל האָט געשמייכלט מיט נחת,
וואָס ס׳איז דאָ ערב טויט נאָך אַ ייִד אַ געטרייער,
וואָס היילקט גאָטס נאָמען די מערדערס צו־להכעיס,
שטעלט־איין פאַר אַ ייִדן זיין לעבן אָן פחד,
און קעמפט קעגן שטן מיט אַ הייליקן פייער...

ווי זאָל איך נאָך לעבן

(איך עוד אחיה)

ווי זאָל איך נאָך לעבן, אַז די פּראַכט פון מײַן פאָלק
מער ניט לעבט?
ווי וועל איך נאָך זינגען, אַז מײַן פאָלק מער ניט זינגט
אויף זײַן וועג?
אַ וועלט, וואָס פון אירע הרוגים האָט אַזוי פיל
בלוט איינגעוועפּט —
ווי וועל איך זי אויפצובויען טראָגן שטיינער
פון מײַנע טעג?

ווי וועל איך נאָך אַקערן, אַז אין די בײַטן ס׳איז באַגראָבן
מיין בעסט פאַרמעג — מ׳האָט דאָ מײַנע ליבסטע געטייט.
ווי וועל איך נאָך פאַרזייען, אַז קערנער פון גאָטס גענאָדן
זײַנען אין מיסט פאַרשליידערט, אין דער וויסט צעשפּרייט.

ווי קען איך נאָך קוקן דעם בן־אדם אין פּנים, רבונו של עולם,
אַז ער איז געשטאַנען אַנטקעגן און געקוקט אַזאַ קאַלטער, אַ גולם,
ווען מ׳האָט אין גאַס די פאַרשטויסענע פון ציון
צעטראָטן, זיי אויסגעקוילעט.
צי קאָן איך נאָך ווײַטער באַשיצן מײַנע לידער
קעגן דעם, וואָס קוקט אײַן זיך אין מיר, אָן עדות פונעם שוידער —
אָ, נעם מיך צו, טויט, איך זאָל זײַן מיט מײַנע ברידער...

אַכטער מאַי, 1945

(שמונה במאי 1945)

וואָס רופט? וואָס ציטערט אין לופט?
— אַ ליד פון זיג.
עס קלינגט אַ גלאָק און זאָגט:
— געענדיקט דער קריג!
מקוים דער חלום,
געקומען דער שלום!

ניין! ניט דערמאָנט דעם נאָמען!
דער שלום איז פאַר אונדז ניט געקומען!
ניט פאַר אונדז קלינגט דער גלאָק מיט זײַן זאָג —
אונדזער פאָלק איז אין קלאָג!...

אויף בלייכע ליפּן גייט־אויף די צאָל,
און מיר ציילן זיי אָן:
זעקס מיליאָן.
צי וועט ווען ווער פאַרנעמען אין דער וועלט פון מאָרגן
וואָס דאָ אין דער גרוילִיקער צאָל איז פאַרבאָרגן?...

עס ליגן דאָ טויזנטער קהילות,
ניט געבליבן קיין איינער.
פון אָן אַ שיעור זקנים און זקנות
דאָ ליגן די ביינער,
אָן מזל צו ווערן געטייט, —
באַגראָבן דאָ לעבעדיקערהייט.
מעשים פון גליוווער,
ווי מ׳האָט אונדזערע קינדער
געקוילעט ווי רינדער.

און די גאַנצע וועלט האָט געצונדן די שריפה,
זיך צוגעקוקט קאַלט צו דער סעודה, דער טריפער,
און געטרונקען „לחיים” בציבור.

אָ, ווי טיף איז אונדזער בראָך, דער שוידער אָן שיעור,
פון אַלע אומות מער פאַרהפקרט זײַנען מיר.
בלוט! בלוט! בלוט!
זעט, איר וואָס פאַרלענדט:
פול מיט בלוט זײַנען אײַערע הענט.
און איר, וואָס צעטיילט זיך מיטן מאָרגן און הײַנט,
וואָס משפטן איר זעצט זיך דעם אכזרישן פײַנט,
דעם רצחן, דעם קאַלטן —
איר זעט די אַכזרים-געשטאַלטן?
דאָס זײַנען אײַערע ברידער —
אָ, שווער צו באַהאַלטן!

און דו, פיצל ערד,
שטיקל לאַנד פון דעם ייִד,
וואָס קוים דערבאַרעמט עס ווערט,
און איז פון האָפן שוין מיד.
איך דריק צו מײַן לײַב דיך און זינג דיר אַ לויב,
און נידעריק איך זעץ זיך אין דײַן הייליקן שטויב,
מיט די ווייען און געשרייען פון די אײנציקע געבליבענע,
שוין די לעצטע פאַרטריבענע...

טעג פון גורל

(ימי מפקד)

איר זענט ניט אַליין. אַט הער איך שוין די טריט
פון גייער טויזנטער מיטן נצח־צייכן:
כ׳הער הערצער, וואָס קלאַפּן מיט אַ פּלאַטערדיק געמיט,
און אַ ים פון פּענער הייבט זיך אויף אין די הייכן.
אַט וואַקלען זיך און טרייסלען זיך די שווערע טורעמס,
און עס ציטערט אין די גרונטן די ערד און שטורעמט.

ווײַל דער מענטש האָט זיך אַ ריר געטאָן, וועלט האָט דערוואַכט
פון קאַשמאַרן־שלאָף, פון דרוק פון עשאַפאָט,
און טראָגט־אַרויס פון שנאה און דומקייט און מאַכט —
פון פאָלק צו פאָלק גרוסן און די ברכה פון גאָט.

אין יענעם טאָג טראָגט זיך די פּרימאָרגן־בשורה
צו יעדן איינציקן פּאָסטן פון מלחמה און שרעק;
מיט די שווערדן, געשאַרפט פאַר תפיסה און קבורה,
וועט מען פלאַסטערן צו גאָלדענער פרײַהײַט אַ וועג.

אין דעם טאָג וועט די שטאָט ירושלים זינגען
פון בלוט פון אירע קינדער, פון ציון אין קייטן,
וואָס געברענט האָבן אין פייער, אין וואַסער זיי זינקען,
און געוואָרן פאַרפוילט אין אָרעמקייט און קויטן.

וואָס האָבן געפלאַקערט, ווי די פאַקלען אין אַ תפיסה,
אויפן סודות־וועג צווישן גאָט און וועלט;
און זייער האַרץ איז געוואָרן אַ משכן פון נסים,
וואָס זיי האָבן צווישן פעלקער דערהויבן און צעהעלט.
איר זענט ניט אַליין, דאָס זײַנען גורל־טעג געבענטשטע
פאַר אַ וועלט־געמיינשאַפט, פאַרן נצח פונעם מענטשן.

ישראל

מיט אָפּענע אויגן

(גלוי עינים)

כ'האָב געזען: עס שפּאַלטן זיך די הימלען פון אויבן,
און אַלע הויכע זוּנגען פון נבואה און שטרעבן
קומען אַראָפּ צום לאַנד פון לעבן...

כ'האָב געזען: צעריסן ווערן שטריק פון נויט,
און שטראַלנדיק גייט-אויף פונעם פעלד פון טויט
יונג-פריַיהיַיט איינגעוויקלט אין פענער בלוי און רויט...

און כ'האָב געשאַלט און גערופן: געקומען דער טאָג!
צי זעט איר ניט ווי וווּנדערלעך עס שיַינט, ווי עס טאָגט?
צי דעם חוש פאַר פריַיהיַיט איר גאָר ניט פאַרמאָגט?
— נאָר זיי האָבן מיך אויסגעלאַכט און גאָרניט געזאָגט...

האָב איך ווידער גערופן: דער נס איז אומגעהיַיער!
אָט שטייט קעגן אונדז דער וואָלקן-זייל, דאָס פיַיער,
די לוחות, די פּרוכתן הייליק און טיַיער! —
נאָר זיי האָבן מיך פאַרניכטעט מיט אַ קוק פויל און זויער...

בין איך געפאַלן אויף מיַין פּנים, קוים אָטעמען געקענט,
וויַיל אויף ערד זיַין אַ נביא איך בין ניט געוווינט —
און די וויַיטע זעונג האָט מיַין האַרץ מיר פאַרברענט...

נאָר איך שווער: ס'האָבן הימלען זיך געשפּאַלטן פון אויבן,
און די זעונג איז אויף מעכטיקע פליגלען געפלויגן — — —
די ריַיד פון אַ פאַלנדיקן מיט זעענדיקע אויגן...

דערהויבונג

(התעוררות)

כ'בין אַ זון פון יענע גלוביקע ייִדן, פון די ייִדן מיטן הייליקן פּלאַם,
וואָס ס'רייסט זיך זייער גייסט אין די הויכן מיט אַ האַרץ
פול מיט ליבשאַפט צום שטאַם.

ביי אונדז, אַז מ'האָט זיך שווימען געלאָזט אינעם ים
פון די מופתים מיט פיבער,
פלעגט מען שעפּן גבורה פונעם קלאַפּן
פון ברידערלעכן האַרצן בציבור.

אַ, ביי אונדז האָט דער יחיד אויפשטייגן גערדאַרפט
צו די העכסטע רקיעים,
כדי קומען צוריק און דערקענען, אַז גאַנץ פאָלק זיינען אַלע נביאים.

און וואָס טיפער מ'לאָזט זיך אין נידער, און וואָס העכער
און העכער מ'פליט,
אַלץ מערער מ'פילט זיך געלײַטערט בײַ דעם ליכט
פון דעם „פשוטן ייִד".

וועל איך פון מנוחה ניט וויסן אין אַלץ וואָס איך זינג אין מײַן גלי,
ביז איך געפין ניט דאָס פשוטע וואָרט פאַר מײַן ברודער אין מי.

און צווישן די וואָלקנס פון שאַפן זיינע וווּנדער
מײַן זעונג באַגלייטן,
און וואָס גרעסער מײַן איינזאַמקייט ווערט, מער איך קוק צום המון;
צו דעם ברייטן.

הלוואי זאָל איך זוכה זײַן גיין אויף דעם יושר־וועג ביז אין מײַן סוף,
און ניט פֿאָלגן דעם העצער אין הארצן און די העצער פֿון גאַסן לרוב.

און ווען עס גייט־אויס מײַן נשמה אויפֿן שײַטער, און כ'זע דאָן
גאָטס ווערט,
איך וויל זײַן אַ קרבן פֿאַר עמעץ, וואָס באַפֿרוכפּערט די ייִדישע ערד...

פאָלק און לאַנד

(עם וארץ)

דאָס פאָלק, דאָס פאַרשקלאַפטע אין צוואַנגען,
טרייסלט־אָפּ זײַנע הענט פון די קייטן;
לאָזט אַרויס זיך אין וועג מיט געזאַנגען,
נעמט צום לעבן, צום נײַעם, זיך גרייטן.
נאָר געדענקט די קדושים, די שענסטע,
מיט די פונקען אין הארצן, פאַרבענקטע,
ווי זיי האָבן געשטאַרט פון די פענצטער
צו דעם לאַנד, אָ, פון גאָט דאָס געשענקטע...

מײַן לאַנד, ווען געשמידט ס'איז אין קייטן,
עס גיט ניט קיין פרוכט מיט געוואַלד;
דעם טוי און דעם קאָרן פאַרזייטן
אין האָפענונג שטילער באַהאַלט...
בײַטאָג ווי אַ שריפה זי פלאַמט —
און בײַנאַכט זי מיט שטערן באַשײַנט
די וועגן און ברעגן פון לאַנד
פאַר יענע, וואָס קומען אַהיים נאָכאַנאַנד.

צום כּותל...

(אל הכותל)

צווישן לייִדיקע געסלעך גראָבט זיך דורך אַ וועג
צו דעם כותל מערבי אַ ייִד.
די לבנה קריצט אויס דאָרט אין אַ שריפט פון שרעק,
אויף טויטע טרעפּ,
ציטעריקע טריט.

ערגעץ ווײַטער מ׳הוליעט באַרוישט פון זינד,
מ׳זויפט אָונט-געטראַנקען פאַרשײַט.
מ׳הערט פידל, דאָס קלאַנגן פון פאַרלאָזענע הינט,
און אַ שיכור צעווילדעוועט שרײַט.
און איינער אַ מענטש,
בײַנאַכט אין געיעג,
גראָבט צום כותל מערבי אַ וועג...

און דאָ זיך אַנטפּלעקן פאַרסמאַליעטע שטיינער פון חורבן...
איז דאָס דער מיין?
איז פאַראַן איין פעלדז וואָס זאָל זײַן הארץ פאַרשטיין?
וועט זיך באַלד ניט אַרויסרוקן אַ מעסער פון לויער?
זאָל ער שטעלן זיך דאַווענען אין טרויער? — — —
— — — — — — — —

אין די קאַרבן,
וואָס עס האָבן דאָ דורות טיף אויסגעקריצט,
ציטערן קלעגלעך די וואַנט-גראָזן איצט.

פינף

(חמשה)

ס׳זײַנען פינף צו דער אַרבעט אין הײמלאַנד אַרױס,
גרײט צו געבױ.
אַ מוטער, אַ שװעסטער געלאָזט דאָרט אין הױז,
אַ קינד און אַ פרױ.

האָבן האַמערס געקלאַפּט אין די בערג און געהאַמערט,
פינף אין רײ.
זײַנען פינף געשטאַנען, געמאָסטן, געחלומט,
פון װעג און שאָסײ.

האָבן שאָסן די בערג צעשפּאָלטן אינדערפרי,
אָן אױפהער אַ קנאַלן!
מיט האַמערס אין הענט, בײַ דער הײליקער מי
זײַנען די פינף געפאַלן...

נאָר זײַנען אױפגעשטאַנען... און נאָך דעם בײַנאַכט,
װען ס׳צינדן זיך פײַערן אָן דאָרט אין פעלד,
האָבן האַמערן פינף שױן װידער געקראַכט —
שױן זיך ניט אָפּגעשטעלט...

און רגעװײַז טױכט־אױף אַ שטילער געפּליסטער,
אַ ביטערער אױ...
מ׳האָט געלאָזט אין דער הײם אַ מוטער, אַ שװעסטער,
אַ קינד און אַ פרױ...
אָבער מ׳לאָזט ניט די אַרבעט אַרױס פון דער האַנט — — — —
ס׳זײַנען פינף אַרױס צו בױען דאָס לאַנד...

צו די שומרים אין פעלד

(לשומרים בשדות)

עס שטומט אונדזער ליד. פון מלחמה און שווערד
מיר חלומען ניט;
נאָר ס׳טריפט אײַער בלוט אויף דער יידישער ערד,
און ס׳איז שווער דאָס געמיט.

ס׳איז היינט ערב שבת, און שבת-ליכט ברענען
אין יידנס געצעלט.
און איר, איבער שטחים איר יאָגט זיך מיט פלאַמען,
איר שומרים אין פעלד.

פון אַרבעט מיר רוען, באַלאַגערט, פאַרמאַרעט,
דער שלאָף — אַזוי שווער.
און איר, אין די פעלדער די שריפות לעשט דאָרט
מיט האַרץ און געווער.

עס שטומט אונדזער ליד... נאָר כ׳הייב זיי אויף שטילע,
מײַנע הענט מיט געדריקטן געמיט,
ווי אַ חזן ביים עמוד אין אַ האַרציקער תפילה:
אָ, פון גאָט זייט באַהיט!

ערגעץ אויפֿן גרענעץ פֿון מדבר

(אי־שם על גבולות המדבר)

ערגעץ לעבן מדבר, בײַם גרענעץ,
ליגן ייִדישע סאָלדאַטן, זיי רוען.
די נאַכט ציט זיך פֿויל, ווי אַ גענעץ,
און עס קאָרטשען זיך הערצער אין ווייען:

צי זעט מען אויפֿן באַרג שוין די פֿײַערן?
האָט געררופֿן שוין דער שופֿר, וואָס דערלייזט?
האָט שוין אויפֿגעוואַכט דער מאָרגן, דער טײַערער —
צי וועט אייביק זײַן קלאָג נאָר און בייז?

עס ברומט אין זײַן ענגשאַפֿט דער לייב,
דער שאַקאַל גיסט זײַן האַרץ אויס און קלאָגט.
דאָרט ערגעץ בײַ דער גרענעץ, אין זאַמד,
קאָרטשען הערצער זיך אין ווייען, אין פּלאָג:

האָבן ברידער, צעשפּרייט אויף דער וועלט,
זיך שוין אומגעקערט פֿון גלות, פֿון פֿרעמד?
אָ, שוין לאַנג ניט פֿאַרזייט אונדזער פֿעלד —
באַרירט אונדזער ערד מיט די הענט...

די נאַכט איז אַזוי פֿרעמד און צעצויגן,
עס קאָרטשען זיך הערצער אין ווייען.
אויף דער גרענעץ פֿון מדבר דאָרט ליגן
ייִדן־סאָלדאַטן און רוען.

אַ ברידער־מצבה

(מצבת־אחים)

צוקאָפּנס ביי אים ליגט דער אַלטער תנ״ך,
און קעגן ירושלים זײַן פּנים פֿאַרשטאַרט —
עס זײַנען צוויי חברים מקבר באַזאַכט
העט-ווײַט אין דער מדבר אַ ייִדישן סאָלדאַט.

פֿון ווײַטן האָט זיי די מלחמה געצויגן —
פֿאַרשאָטן דער קבר, פֿאַרלייגט שוין דער גראָבן;
איצט דאַרף מען אַ צייכן, און מ׳קוקט אויס די אויגן:
דער חבר וועט אפילו קיין מצבה ניט האָבן!...

און פּלוצים אַ שטורעם צעקאָכט זיך, צעהוליעט,
און ס׳ווירבלט דער זאַמד און צעשפּרייט זיך און ווייעט:
און פֿאַרדעקט אויך די צוויי און זיי ווערן אַ בערגל,
אַט לעבן דעם זעלנער, וואָס דער שונא האָט געטייט.

אַ ברידער־מצבה צווישן מדבר און הימל,
געפֿאַלן אין ביטערן קאַמף קעגן שונאים;
אַן אַלטער תנ״ך ליגט דאָרט שטיל זיי צוקאָפּנס,
און קעגן ירושלים דאָס ייִדישע פּנים.

אברהם, אברהם...

אברהם, אברהם, זאָלסט ניט שטרעקן דײַן האַנט:
שוין פֿון לאַנג ס'איז געוואָרן באַוויליקט
דער קרבן פֿון דײַן האַרץ — צוליב איינעם וואָס צום בראַנד
ער שטרעקט אויס זײַן האַלדז שטיל און וויליק.
ווײַל דו מיטן פֿײַער און מעסער זענט אינאיינעם
בײַ דער זײַט — און ער איז אין מיטן, דער ריינער.

און ער וואָס האָט אַ פֿרײַער געקוקט פֿון זײַן אָרט
ווען דו האָסט זיך געבויגן אין טרויער;
פֿאַר אים אָט דאָס מעסער אַ גראָב-אײַזן ווערט
און די מירע ווערט געררייכערט אין פֿײַער.
און פֿון האָרן פֿון ווידער אַ שבת-רוף מ'הערט
ווען געקרוינט ווערט דײַן בן-יחיד, דײַן געטרײַער.

ניט די קרוין פֿון אַ מלך, ניט די קרוין פֿון אַ נאָמען —
מיט דער קרוין פֿון אַ מענטש מ'וועט אים קרוינען;
און יעדע בריאה איז זײַן מלכות, דאָס מלכות פֿון אַ מאַמען,
וואָס שפּרייט אויס אירע פֿליגל אים צו שוינען.
און די דימענטן צוויי אין זײַן קרוין, דײַנע טרערן,
זײַנען עדות, אַ פֿאָטער, פֿון דעם נסיון, דעם שווערן.

דאָס ליד פון ברכה

(שיר הברכה)

פון דער הויך די ברכה נידערט,
מדבר ווי אַ גאָרטן ווערט;
ס'האָט אַ פאָלק זײַן היים שוין ווידער,
האָט צו ערד זיך אומגעקערט.

ערד, מיר לעבן מיט דײַן לעבן,
ערד, מיר שאָלן-אויס דײַן פרייד;
און מיר טוען זיך פאַרוועבן
מיט דײַן שורש-אינגעווייד.

הימל איז אַ ים פון בלוי —
ווו איז דער „שטערן" פון לעגענדע?
אונדזער „לייטער" — מי, געבוי.
אונדזער „שטערן" — מי אָן ענדע.

מי איז חלום און באַשייד,
בויט דאָס הערלעכסטע געצעלט;
בינדט צונויף אונדז אין איין קייט,
מענטש און פלאַנץ און דומם-וועלט.

יעדן האָט איין גאָט באַשאַפן,
ברידער זײַנען מיר דאָ אַלע,
לאָמיר אַקערן און שאַפן
פאַר דער גלײַכהייט און גאולה.

פון דער הויך די ברכה נידערט,
מדבר ווי אַ גאָרטן ווערט;
ס'האָט אַ פאָלק זײַן היים שוין ווידער,
האָט צו ערד זיך אומגעקערט.

שהחיינו

(שהחיינו)

שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה —
די בענקשאַפט פון נביא, און פון טרוימער די גאַרונג.
אַז איך חלום ניט קיין חלום, ניט אַ דמיון איך זע —
נאָר ס'איז אמת די זעונג.

פאַר מײַנע אויגן זײַנען געפאַלן אין יזרעאל די זאָמען
פון הונגעריקע מענטשן, און שוצלאָז — אַ גרויל;
זייער בינטל הייבט-אויף זיך ליכטיק ווי פלאַמען —
פאַר מדינת ישראל.

וווּנדער זיך אַנטפּלעקן! דאָס בלוט פון אונדזער יחוס
ניט אומזיסט ווערט זינט דורות פאַרגאָסן, און נאָך זידט;
געשען איז דער פולער נס פון אונדזער שליחות,
און איך — איך לעב נאָך, דער ייִד.

אַ לעבנס-קוואַל דעם פאָלק נאָכן מדברדיקן שלייכן,
אַ סוף צום וואָגלען, צו קנעכטשאַפט און פּײַן;
ווידער בליט יעדער האַרץ, ס'וועט די וווּקס זיך אויסגלייכן —
אָ, וואָס זאָל איך טאָן אַז כ'זאָל זוכה זײַן? —

וואָס? אויב כ'וואַרף ניט אין שמעלץ-טיגל מײַן גאַנץ פאַרמעג,
אויב איך שפּאָן ניט מיט מײַנע טריט אויפן איינציקן וועג,
אויב איך ברענג ניט פאַר אַ קרבן דאָס גאַנצע לעבן? —
מ'דאַרף מער נאָך געבן!...

כ׳האָב געחלומט אַ חלום

(חלמתי חלום)

כ׳האָב געחלומט אַ חלום
פון גאולה און שלום:
אוים גלות, דערלייזט איז ישראל.
אונדזער ווײַס־בלויע פאָן,
פון באר־שבע ביז דן,
שוועבט אַרום איבער באַרג, איבער טאָל.

געזען האָב איך ברידער
אין פעלד זינגען לידער,
ס׳איז אייגן דער שיר אין עברית.
האָב געזען סעדער שיינע
און פרוכטן אויף ביימער,
און ס׳איז אונדזערס די פרוכט וואָס דאָרט בליט.

האָב געפרעגט אַ סאָלדאַט,
אַ באַוואָפנטן יאַט,
וועגן צייכן און די זעלנער אין ריי.
ער ענטפערט צוריק:
דער צייכן איז זיג,
די סאָלדאַטן — די ייִדן־אַרמיי.

כ׳האָב אַ מיידל געפרעגט:
„זאָג, ווער האָט געלייגט
אויף דײַן קאָפּ דעם קרוין פון די שטערן״?
זי זאָגט: „אַזוי העלט
מיין געפאַלענער העלד,
וואָס האָט פרייהייט געוואָלט אונדז אומקערן״.

און ווײַט אויפֿן ים
כ'האָב געזען פֿון מײַן שטאָם
די מעכטיקע שיפֿן, דעם פֿלאָט ;
און אַ ישראל-עראָפּלאַן
מיט ייִדישן טעם
זינגט שירה, ווי אַ מלאך צו גאָט.

האָב געוויינט ווי אַ קינד : צי איך חלום אַצינד ?
אָ, אמת, קיין זאַך אויסגעטראַכט.
קומט, ברידער, צו גיין —
אָ, איך קען ניט אַליין
דערטראָגן דעם נס, אָט די פּראַכט !

געזאַנגען פֿון און בן פּלא

ירושלים

א

כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אויף דײַן שטילן טויער,
האַלבע נאַכט, אין דער מערב־וואַנט.
פון דײַן הר הבית האָבן אויגן געלויערט:
די אויגן פון גאָט, צי פון אַראַביע־לאַנד?

כ׳בין אַרויפגעגאַנגען טויטע טרעפּ... דער טריט
איז פאַרשלונגען געוואָרן אין לבנה־וועג אין מויער...
ווער פאָלגט מיר נאָך מיט פלאַטער מײַנע טריט?
די וויסטע יתומה, די שכינה אין טרויער...

ב

איך פלעג זיך אײַנהערן שעהען נאָכאַנאַנד
אין רו פון דײַנע געסלעך, אין די היילן־לעכער שטומע.
אָפט מאָל האָט טרויעריק געקלאַפּט מײַן האַנט
אויף אַ שטיין, וואָס דעקט איבער די קברים, די פרומע.

מתים רוען נאָך דער מי אויפן אייביקן געלעגער.
אָ, שטומע מצבה, גיב אַן ענטפער מיר:
וועמעס איז די האַנט, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט די רגע?
וועמעס איז דער טראָט? און ווער און וואָס בין איך?

ג

ווײַל דו האָסט אין מיר ווידער דערוועקט, ירושלים,
די נשמהדיקע בענקשאַפט וואָס גייט ניט אַוועק;
די וועלט האָט ניט געזען מיך מיט אויגן געטרײַע —
און דו געזען האָסט פון הארצן מײַן טרויער אָן אַן עק.

דײַנע מויערן, ירושלים, כ׳װעל באַגנעדיקן מיט ציטער,
דײַנע שטיינער כ׳װעל באַטויען מיט מײַנע טרערן.
מיט יעדער שקיעה, װאָס אין מערב דײַנעם צינדט זיך,
ברענגט מיין לעבן אַ קרבן פון אין גאַנצן דיך באַגערן...

ד

פאַראַן זקנים, װאָס לויכטן נאָך אין דײַנע הייליקייטן,
װאָס טראָגן פון דער װעלט נאָך דעם דריקנדיקן עול.
װאָס דערלייזן דורך בלוט דײַנע געפאַנגענע אין קייטן,
נאָר זיי באַהאַלטן זיך אין שאָטן און מ׳הערט ניט זייער קול.

פאַראַן נאָך בחורים, װאָס טרוימען בײַ דײַנע פלויטן,
און דאָס ליכט פון משיחן שײַנט אויף זייער געזיכט;
פאַראַן אויך, װאָס באַװיינען אין די קעלערס דײַנע נויטן
מיטן פלאַטער פון די אויסגייענדיקע ליכט.

ה

איך װיים: דאָ זיצן אויף די שטולן זיך ברייט
אַ הייליקע עדה, דור אויס און דור אײַן;
יעדעם שטיינדל באַהעפט זיך מיט תפילה־רייד,
אַ גרעזל פלאַטערט... אַ שלאַנג... עס פינקלט אַ שיין...

זיי זיצן און אָן ענטפער זיי זוכן און זוכן:
װוּ פאַרשװינדט דער מענטש? און די װעלט װוּהין גייט?
װאָס איז דער תכלית װאָס מיר װעלן דערגרייכן?
און װען װעט שוין קומען אַ סוף צו לייד?

ו

אין איינעם מיט די פֿאַרזאַמלטע דאָ אין טרויער,
צווישן גיא־הנום און עמק יושפט,
בין איך געקומען צו זיצן אין אײַער מויער
מיטן ווײ וואָס האָט מײַן וועלט אַרומגעכאַפּט.

כ׳האָב געלאָזט דאָרט די חכמה פֿון שטאָט, וואָס כ׳האָב געאַכט
דעם געזשום פֿון געוועט און פֿון פֿאַרבלאָנדזשעטע אָן שׂכל;
איך וועל זיין אַ פֿידל צום אומעט פֿון דיין פּראַכט,
אַ פּוס־בענקל צום טרויער פֿון דײַן שכינה אָן אַ היכל...

ז

וויפֿל דורות שוין אַריבער אַז איך זיץ אַלץ און וואַרט?
ווען האָב איך פֿאַרלאָזט מײַן נחלה אויף דער וועלט?
מײַנע אויגן מיט טוי? האָב איך געוויינט? ס׳האָט געאַרט?
דער נײַער וועג רופֿט... כ׳וועל אויפֿשטיין ווי אַ העלד!

איך שפּאַן און ס׳גייט־מיט מיט מיר אין געזאַנגען
אַ קהילה אַ גרויסע: שאָטנס און חלומות,
פֿון אַ לאַנגער נגינה די עכאָס, אָפּקלאַנגען,
וווּנדער פֿון אויבן און סוד פֿון תהומות...

ח

שלאַקסרעגן, ווינטן... האַרבסט אין ירושלים...
אַלע האָריזאָנטן האָט דער גאָסרעגן פֿאַרשטעלט...
מײַנע פֿיס ביז די קנעכל אין וואַסער זיי זינקען,
כ׳קען קיין טראָט ניט שטעלן אין דער מבול־וועלט...

ווינט, רעגן, נעץ... אַ צעיאָגטער שאַקאַל
איז פֿאַרבײַ אין גאַס, האָב געזען בייזע אויגן.
כ׳גיי־צו צו אַ טיר און גיב זי אַ צעפּראַל:
כ׳בין מיד, איך האַלט קוים אָפּן מײַנע אויגן...

ט

דאָס צימער ניט באַלויכטן, ס׳האָט אַ פֿענצטער אָבער
צו מײַן קינדהייט... נאָר אַ פֿאָרהאַנג אים באַדעקט.
איך נעם אים אַראָפּ, אַזוי פֿיל ליכט און זויבער:
אַ לויטערער קוואַל, און אַ שאָטן דאָרט שוועבט...

דער שאָטן ווערט גרעסער, ס׳קומט אַ מענטש — דאָס בין איך.
אויף מײַנע אויגן ליגט אַלטער טרויער און געוויין.
אַ שטעג.... נאָדלביימער הייבן קעפּ אין דער הייך:
פֿון וואַנען, מענטש, קומסטו און וווהין לאָזסט זיך גיין?

י

איך גיי צו זיך אַליין, צו מײַן אַמאָליקער היים,
איך שפּאַן איצט אַזוי צו מײַן פֿאַרשטאָרבענעם עבר;
איך ווייס געווי אַז ס׳איז אַלץ אין אַ טרוים —
און ווייס אַז אַלצדינג איז דער אמת, איז וואָר.

ערגעץ מ׳האָט אַרײַנגעלייגט אין אַ קבר מײַן גוף.
מיט שטויב אים באַדעקט און מיט ביינער פֿון מתים.
נאָר מײַן בענקעניש זאָגט מיר: אַלץ האָפֿן מ׳דאַרף,
און איך גיי גלייך אַרויף אויפֿן הר הזיתים.

יא

עָפן! — „וואָס איז?" — אויפוואַך־שעה איז געקומען!
— „כ'בין מיד שוין צו די שעהען זיך צוצוהערן..."
— אין האַרץ פון שטומקייט שרייט, רופט דײַן נשמה!
— „צו איר רוף־געשריי איך קען זיך שוין מער ניט קערן..."

— צי האָסטו פאַרגעסן אַז דו ביסט דער וווּנדער,
דו — די שײַן, און די וועלט — אויך דו?
— „מײַנע טויטע נעכטיקן מיט מיר אין קאַרקער,
פאַר וועמען אויפוואַכן?... כ'בין אָן אָבל... לאָז צו־רו..."

יב

כ'וועל ניט לאָזן! — כ'האָב געשריען — וועל ניט לאָזן אַזוי מער!
דו ביסט — איך, איך וויל לעבן ווי אַמאָל!
דורך שטורעמס און טרערן כ'בין געקומען אַהער,
דיך אויסצולייזן פונעם טויטן־טאָל.

אויב זיבעציק אייל טיף וועסט אין קבר זיך באַהאַלטן,
כ'וועל פון דאָרט דיך אַרויסציען אויף דער פרײַ צו זײַן.
שלאָג, מײַן האַמער, מאַך שפּאַלטן נאָך שפּאַלטן,
אין גלות־גרוב טיפן און אין צעפוילטן שטיין.

יג

און — געשלאָגן! זעץ! זעץ!... כ'האָב געעפנט די אויגן:
ווו בין איך? איך זע אַ געצעלט... און שטיינער...
האַרבסט אין ירושלים... ווינטן און רעגן...
אַ זקן מיט אַ האַמער — און אַ שמייכל אַ ריינער:

„כ׳האָב געפונען דיך דאָ אויף די שטיינער איינגעשלאָפן.
ניט קאַלט דיר?... — האָב בטחון... קיין שרעק און פּיַין!...
אַ שטיין־טעסער בין איך..." און מיט שרעק און גאַפן
כ׳האָב געענטפערט: אויך איך אַ טעסער כ׳וועל זיַין.

יד

אין דער פרי... עס טונקלען נאָך די איילבערט־בלעטער
קעגן מיין פענצטער, כמאַרעס שוועבן נאָכאַנאַנד;
איך פאַרלאָז די שטוב אַ פאַרבאָרגענער, אָן ווערטער,
מיטן טעסערס כּלים און מיט אַ טאָרבע אין האַנט.

איך באַגעגן אויפן וועג דיַינע זין, די ריינע,
ירושלים, די וואָס שטייען־אויף פרי דינען גאָט;
מיַין טיַיערע בית־תפילה איז אַ ציבור פון שטיינער,
און עס קלאַפּט אוים מיַין האַמער אַ יעדעס וואָרט.

טו

געניט בין איך אין דער מלאכה... איך ווייס!
די נצח־אויגן קוקן־צו זיך שטיל.
מיַינע בעסטע יאָרן כ׳האָב געהאָרעוועט מיט שוויים
ביַים טעסען שטיינער־זוענט ביי ווינקלען פיל.

זאָלן מיַינע שטיינער דיך באַשיַינען און דערהויבן,
ציון, מיט אַ ליבשאַפט זיי זיַינען געמאַכט.
זיי אַליין לאָז איך איבער פאַר אַן אָנדענק, דיך צו לויבן,
פון מיַינע פאַרלאָשענע פלאַמען אין דער נאַכט...

טז

מײַן ווילן איז ריין, און מײַנע הענט פון פלייש
זײַנען ניט קיין כּלי, וואָס גלייכגילטיק רוט;
און אַזוי, ירושלים, איז דײַן שטיין געמישט
מיטן מאַרך פון מײַן לײַב, מיטן שטראָם פון מײַן בלוט.

ס׳איז לויטער דײַן זון, נאָר די אויגן זײַנען
טונקל, און דאָס האַרץ איז געוואָרן שוואַך...
אַזוי האָט זיך באַדעקט דײַן שטיין, ירושלים,
מיט ימען שוויים און מיט אַ טרערן־טײַך...

יז

יחיה, מײַן לערער, קומט פון תימן, אין שטערן
האָט ער געבראַכט פון דער שווערד פון ישמעאל אַ שראָם.
מ׳האָט מיט זעכציק יאָר צוריק גענומען יידן פאַרצערן,
און ביז הײַנט איז פאַר יידן קיין תקומה ניט פאַראַן.

זעכציק יאָר קלאַפּט ער אַזוי אין די פעלדזן,
קינדער דערצויגן, אויסגעגעבן, פאַרלאָרן;
זעכציק יאָר שוין אַז ער וואַרט אויף דערלייזן,
און משיח איז נאָך אַלץ ניט פאַרבײַגעפאָרן...

יח

— יחיה, ער וועט ניט קומען, כ׳ווייס וואָס איך רעד,
די וועלט איז צום רשע געגעבן אויף שטענדיק.
— „איך וואַרט ווי ער זאָל זיך ניט פאַרזאַמען שפּעט,
און דער נאָמען פון די רשעים ווערט אויף אייביק פאַרענדיקט...״

— יעדער שפּראָץ איז דאָך געטייט פונעם פײַער־האָגל,
און אומגעבראַכט זײַנען די פירער פון כּלל!...
— „איר עפנט נאָר פאַר אים אַ לעכל פון אַ נאָדל,
און ער וועט שוין אויסברעכן אַ טיר צו אַ זאַל...״

יט

ווי גוט אונדזער גורל... אויפן באַרג אַנטקעגן
הייבט זיך אויף דערהויבן דער מויער פון ציון...
זעט דעם מגדל־דוד... אַן אויסגעגאָסן בילד:
הרי מואב... דאָס טאָל ווו חלומות בליִען...

פאַראַן אַ שעה: דאָס פּנים פונעם הימל איז ריין...
ס׳איז לויטער דער באַשאַף... שמאַראַגד, איידלשטיין;
און יחיה וועט אויפשטיין און קלאַפּן און זיך פרייען:
„אָ, ווי פּרעכטיק ס׳איז די וועלט, לאָמיר טאַנצן גיין!״

כ

„לאָמיר טאַנצן, מײַן ברודער, מיר זײַנען זוכה, עס טאָגט —
אויף אַ הייליקן פעלדז מיט אַ האַמער מיר קלינגען;
טויזנטער יאָרן מיר זײַנען געזעסן און געקלאָגט —
לאָמיר הייבן איצט די פיס, לאָמיר טאַנצן און זינגען!...״

„לאָמיר טאַנצן, מײַן ברודער, מיר זײַנען עולה דאָך געוועזן
פון מיאוסע זומפּן, פונעם טאָל פון געוויין;
מיט אַ טרער וועט דער פאָטער אין הימל אַליין
אונדז נאָכקוקן ביידע און קלאַפּן און זיך פרייען...״

כא

טאַנצן צוויי ייִדן אין גאָטס ירושלים,
פון מזרח, פון מערב געקומען צופליגן.
אויף אַקסלען פאַרלייגט און געשלאָסן די ידים,
און איינער קעגן צווייטן הייבן הויך די אויגן.

טאַנצן פעלדזן מיט זיי, און די הימלען צופרידן,
חומת ציון און דער ירדן, און מ׳וויל ניט אויפהערן ;
אין דער שטאָט ירושלים טאַנצן צוויי ייִדן
פון זון־אויפגאַנג ביז עס באַווייַזן זיך שטערן...

עמק

א

אין עמקס באַגינען דאָרט וועגענער פאָרן,
אַ לאַנגע שורה אויפן צעהיצטן וועג.
קי אויף בלאָטיקער לאַנקע זײַנען צעטומלט געוואָרן,
און בעדויִנער שטאָרן מיט חושכדיקער שרעק.

זעען: פרויען און מענער און קינדער אַ סך
שטופן זיך צו יעדער שטאָפּל און שטאַנג;
זיי שפּאַנען און שטראָמען ווי אַ פֿאַרפּלייצנדיקער טייך,
און פֿאַרלירן זיך אין שטויב מיט געשריי און געזאַנג...

ב

אין דער שפּיץ רײַטן צוויי אויסגעשטרעקט אויף די פערד,
עס גלאַנצט זייער געווער און די מאַפּעס מ׳האַלט גרייט;
זיי וואַרפן די דערפאַרענע בליקן אויף דער ערד,
קוקן דורך יעדע סטעזשקע, יעדע גרוב, יעדער פלויט.

און לעבן אַ בערגל, וואָס קוקט אַרוים צו דער ווײַט,
צווישן כרמל און תבור און שומרון און יהודה,
בײַ אַ מאַפּע צונויפגעדרענגט זײַט בײַ זײַט,
אַ האַנט הייבט זיך אויף: „אָט דאָס איז די נקודה״!

ג

און ס׳פאָרן די וועגענער פון דער חברה אין אַ ראָד,
און רינגלען אַרום דאָס בערגל ווי אַ מויער;
אויף אַן אייבערשטן אָרט שטייט שוין איינער מיט אַ וואָרט,
און רעדט מיט אַ באַרוישטער נשמה און מיט טרויער:

„דאָס איז דאָס לאַנד וואָס געבליבן איז אונדז טײַער,
פֿאַרן אייביקן פֿאָלק די ירושה, די שײנע,
וואָס די אָבות האָבן אײַנגענומען דורך בלוט און פֿײַער,
און ווּ מיר וועלן אַרײַנגראָבן פֿון אַקער די ציינער.

ד

אין לאַנד וואָס מיר בויען וועט מען הונגער אויסראַמען,
מיט שווערד וועט מען ניט אומברענגען איינער דעם צווייטן;
דאָס הארץ פֿונעם מענטש וועט ווי דער פֿײַער-סנה פֿלאַמען,
און גאָטס וואָרט וועט דעם מענטשנס וואָרט באַגלייטן.

מיט דער תבואה אין פֿעלד עס לעבן די מענטשן,
מיטן ים און מדבר, מיטן בוים און די שטערן,
און ווייסן נאָר איינס: צו אַרבעטן און בענטשן
דעם ווּנדער פֿון דער וועלט, די נשמה, דעם קערן...״

ה

שפּרינגען-אויף צוויי יונגען — די פֿלינקע קומען פֿרי —
לאָדן-אויס אַן אייזערנעם אַקער, נאָך אַ נײַער,
און כאַפּן אַ פּאָר פֿרידות מיט האַמעטנעם צי,
שפּאַנען-אײַן זיי ביי אַ פֿלאָקן מיט אַ קראַפּט אומגעהײַער.

איינער בײַ די לייצעס און דער צווייטער בײַם אַקער,
זיי שטייען קעגן די, וואָס קוקן-נאָך ווי צעמישט;
מיט אַמאָל, זיי נעמען ציען די מויל-אייזלען מיט פֿלאַקער,
און אַ שוואַרצער בײַט ווערט אויפֿגעאַקערט פֿריש...

ו

מ׳שטעקט אַרײַן פלעקער און מ׳שטעלט אויף געצעלטן,
עס פלאַקערן פײַערן, און אַ מאָלצײַט מ׳גרייט־צו.
ווײַבער און זקנים און קינדער, מ׳קערט וועלטן —
די טעג פון בראשית זײַנען קיין צײַט ניט פאַר רו.

און עס שטייט שוין דער לאַגער בײַנאַכט אויף זײַן גרונט,
און אין מרחב אין בלויען שטייען ווײַסע געצעלטן;
און עס קוקט די לבנה אַזוי פרעכטיק און רונד,
און עס טאַנצן נײַע יידן אַ טאַנץ אַ צעהעלטן.

ז

פאַרמאַטערט פון טעניץ האָב אין דער שטיל זיך פאַררוקט,
פון די טײַכלעך און בלאָטעס האָט זיך אַ שײַן אָפּגעשלאָגן;
מיר דוכט, מ׳האָט מײַן נאָמען איצט אַרויסגעזאָגט,
איך פיל ווי מײַן האַרץ וואָלט דאָ פון אייביק געשלאָגן.

אין עק פון דעם בערגל, אײַנגעוויקלט אין שאָטן,
האָט אַ בוים זײַנע צווײַגן קעגן טויען אויפגעהויבן;
האָב זיך אָנגעשפּאַרט אין שטאַם, האָב ווי געלייענט געבאָטן:
פון צווישן די בלעטער רעדט אַרוים איצט מײַן לעבן...

ח

און איידער עס טאָגט נאָך, מ׳אײַלט זיך שוין ווידער.
איז דאָ אַ זקן, אַ חזן, מיט אַ געמבע מיט טרעלן;
נו, שפּאַנט מען צו טריקענען זומפּן מיט לידער,
אָנגעטאָן מיט שטיוול און הויזן פון פעלן.

מ׳שטייט ביזן האלדז אינעם וואסער און זומפּ,
אַ גרופּע, אַ חברה אָדער איינער אַליין.
אויף די אויפגעדעקטע ערטער שׂרפעט די זון,
און עס זשומען קאָמאַרן און דאָס בלוט רוישט מיט זיי...

ט

דער זקן האָט געקראָגן דעם פיבער צוערשט,
דער חזן וואָס וועקט-אויף וועז נישטאָ נאָך קיין ליכט.
איז געפאַלן צו דער ערד, ווי אַ פייגעלע פון נעסט,
מיטן אויסגעצערטן גוף און זיין תמימותדיק געזיכט.

בין געזעסן ביי זיין פאַרשטויסן געלעגער אין אנגסט,
האָב געזען ווי פייער-פלאַמען ווערן זיינע ביינער;
און ער האָט געזונגען, געחלומט און געצאַנקט,
אויסגעגאַנגען מיט מיין האַנט אויף זיין האַרץ, דעם ריינעם...

י

„מענטש און מענטש, מענטש און די ערד
זיינען ברידער, אַ צווילינג אין דער ברייטער וועלט.
פון לאַנד די לופט איז נשמה און ווערט,
דער בוים — פון לאַנד דאָס האַרץ וואָס קוועלט.

און דאָס הייליקסטע ביים מענטשן איז אַרבעט און טאָן,
האָט באַזונדערן ווערט און פאַרנעמט דעם העט-אויבן;
אַז וואיל די ערלעכע וואָס נעמען דאָס אָן,
אויך די פאַלנדיקע ווערן אין אירע פליגל דערהויבן...“

יא

נאָך דעם האָבן אַ ברודער און אַ שוועסטער זיך געפּעלט,
איינציק ביי דער מאַמען, אַ זון און אַ טאָכטער.
אין באַראַק ווו זיי האָבן דיל און באַלקן אויפגעשטעלט,
זײַנען זיי אויסגעגאַנגען שבת-נאַכט, ווי די ליכטער.

די מאַמע האָט ניט געוויינט, זי איז דערשלאָגן געווען,
האָט געשפּאַנט דורך די טעג ווי מיט אַ שוואַרצן וואַל;
בײַנאַכט זיך אײַנגעהערט אין אַלץ וואָס איז געשען,
אפשר וועט זי איינזאַפּן פון ווײַטן זייער קול...

יב

געשטאָרבן איז אויך איינער, ווען ס'האָט אַ בריק אים דערלאַנגט
אַ מויל-אייזל, וואָס ער האָט אין אַקער אײַנגעצוימט,
מ'האָט זײַן פּנים ניט דערקענט ווען ער האָט שוין געצאַנקט.
דער קאָפּ — צעפּלאַצט, און דער מוח — געליימט.

געוועזן גרויער טאָג ווען מ'האָט געפירט אים צום קבר,
געשטאַנען זײַנען מויל-אייזלען אָן זייער באַלעבאָס;
איז אַ חבר צוגעגאַנגען, וואָס ס'קען אים ניט קיינער,
און געאַקערט ווו יענער האָט איבערגעלאָזט.

יג

פאַראַן שוין דאָ זייגנדיקע קי, הורדעס שאָף,
אַ „פאַסטעכער קבוצה", וואָס לעבט זיך כנהוג;
ווען ס|שײַנט-אויף דער טאָג אין גנעדיקער שעה,
זינגט מען פון יעקב און רחל און איר קרוג.

ווען מ׳שפּאַנט צו דער פּאַשע און די „באַבקעס״ פּאַלן,
ווי אַ מעכטיקער שטראָם פליסן דעמאָלט די שאָף.
די פּאַסטעכער, וואָס היטן בײַנאַכט אָפּ די שטאַלן,
הערן ווי דאָס רוישן פון כוואַליעס זייער שלאָף.

יד

עס שפּאַנען אויף פּאַשע די קי אויך בײַנאַכט,
זעען אוים ווי אין חלום אין לבנה־שײַן.
ליגט אַ מענטש זיך אין פעלד אין דער פינצטער פאַרטראַכט,
דאָ — שאָטנס, און דאָס קלאַפּן פון קלויען און אַ קײַען...

שטייענדיק געפּענטעטע מויל־אייזלען שלאָפן,
טרעפט בײַנאַכט, מ׳וואַרפט אַראָפּ דעם יאָך און די מורא;
און זיי פליען צום טײַכל העט־ווײַט, צום קישון,
ווי אַ חייל פון רײַטערס פון ברק און דבורה.

טו

און אין איינעם פון די נעכט, אוי, דאָס האַרץ דעמאָלט ברעכט
פון אַ האַמעטנער שווערקייט... שטאָק־פינצטער אַרום...
אין נײַע באַראַקן אויפן דאַך דאָס בלעך
גלאַנצט ווי אויגן וואָס שטאַרן מיט שטוינונגען פרום.

און אַ ציטער גייט־דורך צווישן ווערבעס, די דינע,
מיטן ריח פון פעלדער ווערט די לופט אָפּגעפרישט.
און טראָפּנס נאָך טראָפּנס, זיי פליסן און רינען:
געקומען דער ווינטער, דער רעגן שוין גיסט...

טז

און געדריקטע און גרויע און איינטאָניק זײַנען טעג,
פאַרוואַנדלען די פעלדער אין טײַכלעך, קאַלוזשעס;
חברים אויף בעטלעך ליגן שטום, ווי אין שרעק,
און מ׳הערט אַלץ אין האַרצן פון שטילקייט דאָס הוזשען.

אַ ניט־מענטשישער ווייטיק, דער ווײ פון באַשאַף,
איצט גריזשעט מיטן קלאַפּן פון טראָפּנס אין בלעכן;
און אַלצדינג וואָס לעבט איז דערשטוינט איצט און גאַפט,
און אַלע יסודות פונעם מענטשן זיך ברעכן...

יז

און עס טרעפט אין די נעכט רופט אַ חבר דערנעבן:
„לאָמיר ליבן דעם מענטשן, חברים, זײַן ברידער!
ווען אַליין — ווערט צעבראָכן דער פידל פון לעבן,
און אין האַרץ פון דער וועלט נעמען צאַנקען די ליכטער...״

צי עס טרעפט, אַז אַ מענטש דאָ גאָר גרייט זיך צום טויט,
דורך וואַסער, דורך פײַער, וויל זיך הרגענען סתּם...
צי עס געשעעט אַז אַ מאַן טרעפט אַ פרוי אין איר בעט,
פאַלט אַרויף אויף איר לײַב און ער זינקט ווי אין תּהום...

יח

עס בײַטן זיך טעג, כ׳גיי אַרום מיט מײַן געמיט
צווישן ברידער וואָס בויען זייערע היימען אין רעגן.
אין זומפּ און אין טײַכלעך איך זינג אַלץ מײַן ליד,
און פאַרצעווע אָן אויפהער אויף אַלע מײַנע וועגן.

און ווייל איז מיר אפילו מיט מײַן ווּעזן דעם שווערן,
ווי אַ שטיין דאָרט אין פעלד אויפן וועג בײַ די ברעגן.
איך פאַרגעם פון דער תבואה דאָס וואַקסן און ווערן,
דעם ציטער פון דער גרודע מיטן פרילינג אַנטקעגן.

יט

אין אַ שפּעטער רעגן-נאַכט האָט אַ געוואַלד זיך דערהערט
פון אַ באַלויכטענעם באַראַק, וואָס האָט געוואָרפן זיך אין שטורעם.
אַ פרוי האָט געשריגן און האָט וועלטן געקערט
מיטן עופעלע, וואָס זי האָט געטראָגן אין געליאַרעם.

אין נעפלדיקער שײַן רירט זיך עמעצער גיך,
מ'גיט זיך איבער באַפעלן מיט ציטעריקע אויגן;
און פאַרשטומט ווערט דער לאַגער, נאָר איינער איז וואַך,
און ווייטיקט מיט דער מוטער די געבורטיקע ווייען...

כ

ער איז געבאָרן געוואָרן, דער מענטש, נײַער ייִד,
אין אַ שטראַליקן פרימאָרגן אין די פעלדער פון יזרעאל.
ניט מײַן פרײַנד איז זײַן מוטער, אויך זײַן פאָטער בין איך ניט,
נאָר די שמחה איז מײַנע און ער איז מײַן גואל.

ווײַל געטראָגן כ'האָב זײַן וועלט, ווי אַ משׂא וואָס דריקט,
אַזוי שפּאַנענדיק אין אייביקן צער מיט געוויין;
טעג און נעכט זײַנען געווען ווי אַ שׂריפה, וואָס שטיקט,
ווי אַ בראַנד-קרבן געבראַכט אויף זײַן מזבח-שטיין...

כא

קום, כ׳וועל דיך קושן, ליבער זון אין נויט,
מיטן גרין פון די פעלדער און די הימלען מיט שײַן.
ניט געוואַשן דײַן לײַב איז נאָך פון בלוט און קויט,
נאָר עס צאַפּלט זיך דײַן האַרץ געלײַטערט און ריין.

קום, מענטש, כ׳וועל דיך הייבן אַרויף און אַראָפּ,
און אויף אַלע פיר עקן דײַן געבוירן אָנזאָגן.
ס׳האָבן אויפגעבליט זאַנגען אין רוים, ס׳קומט אַ טאָג
און דער הידד פון די שניטערס פון יעדן האַרץ וועט זיך טראָגן...

אינהאַלט

		זייט
פון איבערזעצער	חיים באַרקאַן	5
*	ש. שלום	6

צעלויכטענע שעהען

שחרית	9
אין וועג	10
שופרות	11
ניט אַלץ איז אַזוי פשוט	12
עס טרעפט	13
אַ נאַכט אַזאַ	15
צו אַ געפאַלענעם	16
ווי אַן אָרעמאַן ביי דער טיר	18
נאַכטיקע תפילות	19
אַ פּראָטעסט	20
היט מיך, גאָט	21
די תפילה פון אַ פּאָעט	22
גאָט באַהאַלט זיך	24
צו אַ שיינער פרוי	25
ער רופט	26
כ'וועל שטיל נאָך עפענען די טיר	27
מיט אַ שטערן אין הימל געצונדן	28
אַן אָוונט־תפילה	29
מיין טויט	30
די צעלויכטענע שעה	31
אַ פּאָעט	32
איך זינג ניט	33
איצט האָב איך מער גאָרניט	34

לידער פון אומקום

האַלבע נאַכט 37
אַ קינד וויינט 39
אויפן וועג פון שוידער און געזאַנג . 41
אין נוסח פון אַן אַלטער תפילה . . 43
מ׳רייסט די פּירות 46
אַ פּראַצעסיע 47
ר׳ מענדל 50
ווי זאָל איך נאָך לעבן 52
אַכטער מאַי, 1945 53
טעג פון גורל 55

י ש ר א ל

מיט אָפענע אויגן 59
דערהויבונג 60
פאָלק און לאַנד 62
צום כותל 63
פּינף 64
צו די שומרים אין פעלד 65
ערגעץ אויפן גרענעץ פון מדבר . . 66
אַ ברידער־מצבה 67
אברהם, אברהם 68
דאָס ליד פון ברכה 69
שהחיינו 70
כ׳האָב געחלומט אַ חלום 71

געזאַנגען פון און בן פּלא

ירושלים 75
עמק 84

ביכער, דערשינען אין י.ל. פרץ־פאַרלאַג אינעם יאָר 1963

אפרים אויערבאַך וואַך איז דער סטעפּ (לידער און פּאָעמעס)

יוסף ארליך וואַלבראַס (יידיש־העברעיש)

חיים בעז אונדזער דור מוז אַנטשיידן
(עסייען, רעפּאָרטאַזשן, באַטראַכטונגען)

י. גויכבערג מיט לייב און לעבן (לידער)

י. גויכבערג מיט אַ שמייכל (לידער)

יעקב גלאַטשטיין מיט מיינע פאַרטאָג ביכער (עסייען)

דוד גלילי־גלאַצער ביים קוואַל (לידער)

מאַטעס דייטש יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד (עסיי)

יחיאל האָפער אַמאָל... (דערציילונגען)

שלמה וואַרזאַגער זאַמד (ראָמאַן)

שפרה ווערבער דמעתו של איציק (באַלאַדעס פאַר יוגנט)

ישעיה זאַנדבערג דער שונא אין די מויערן (פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין בעלגיע)

דניאל טשאַרני די וועלט איז קיילעכדיק — מיינע דאָקטוירים —
טאָגבוך פון אָקופּירטן פּאַריז
(בשותפות מיטן ציקאָ־פאַרלאַג)

ל. כאַנוקאָוו קריזיס (ראָמאַן)

מאַני לייב שירים ובלדות — לידער און באַלאַדן (יידיש־עברית)

מאַלאַשאַ מאַלי צוויי וועלטן (דערציילונגען)

שמחה פאַלאַקעוויטש טעג אָן ליכט

משה פולאַווער געווען איז אַ געטאָ (פון לאָדזשער געטאָ־לעבן)

פּעטערזייל־בוך זיין לעבן — אָפּשאַצונגען און זכרונות. רעדאַגירט פון י. זרבבל

יעקב פרידמאַן נפילים (דראַמאַטישע פּאָעמע)

איטה קאַליש אַ רבישע היים אין אַמאָליקן פוילן

מאיר קוטשינסקי נוסח בראַזיל (דערציילונגען)

יאָסל צוקער שריפטן (דערציילונגען)

י. ראַפּאַפּאָרט מהות פון דיכטונג (עסייען, נאָטיצן, רעצענזיעס וועגן דיכטער און דיכטונג)

ישעיהו שפּיגל די בריק (ישראל־נאָוועלן)

ברוך שפּינאָזאַ עטיק (איבערגעזעצט: ש. ווינער)

1964

רחל אויערבאַך אין לאַנד ישראל (רעפּאָרטאַזשן, עסייען, דערציילונגען)

יצחק פאַנער זון און שאָטן (ישראל־מאָטיוון)

י. פאַפּיערניקאָוו פון צווייטן בראשית (ישראל־לידער)

י. זרבבל ביקור בברית המועצות (רשמים ופגישות)

ישראל קאַפּלאַן שליאַך און אומוועג (דערציילונגען)

בינם העלער נייע לידער (לידער)